№ 31 · Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. · עלפטער יאהרגאנג. · פרייז 20 גראשען. · „CZĘSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

אבאנעמענט-פרייז פאר א מילימעטער-שורה:
[illegible] 40 גראשען · [illegible] 25 גראשען
[illegible] 30 גראשען.
[illegible]

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 201

אבאנעמענט-פרייז: א נומער 20 גראשען.
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek, d. 29 lipca 1932 · ליכט-צינדען 7.20 · פרייטאג, פ' מטות ומסעי כ"ה תמוז תרצ"ב.

די פאליטישע וואך.

די גרויסע געפאהר וואס הענגט איבער דער וועלט זינט דער לעצטער מלחמה, אז די גרויזאמע מלחמה מיט איהרע שוידערליכע פאלגען זאל זיך נישט ווידערהאלען. אט די דאזיגע שרעק האט, ווי בעוואוסט, בעשעפטיגט די מוחות פון אלע וועלט-פאליטיקער, וועלכע האבען נישט אויפגעהערט צו טראכטען און זוכען עצות צו פערמיידען די פארשטעהענדע וועלט-קאטאסטראפע.

עס איז באלד נאך דער מלחמה, ווי בעוואוסט, געשאפען געווארען דער פעלקער-בונד, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען צו שטעהן אויף דער וואך און אבצוהיטען די וועלט פון א נייער מלחמה, אבער ביי יעדער געלעגענהייט האט זיך ליידער ארויסגעוויזען, אז דער פעלקער-בונד איז גארנישט אומשטאנד אויפצוטהון און זיין איינפלוס, איבערהויפט אויף די גרעסערע מלוכות איז געווען א מינימאלער.

און די שרעק פאר א נייעם וועלט-קריעג האט זיך פארגעשטעלט אין די שרעקליכסטע פארבען, צוליעב די שוידערליכע כלי-משחית, וואס די לעצטע טעכניק האט געשאפען, מיט וועלכע מען קען אין איין מינוט אומברענגען און פערניכטען גאנצע שטעדט און מדינות, יעדע מלוכה האט זיך בעמיהט איבערצושטייגען די צווייטע מיט איהר צושטערונגס-קראפט און די שילדערונגען ווי אזוי עס וועט אויסזעהן די נייע וועלט-מלחמה האט פשוט פערגליווערט דאס בלוט אין די אדערן.

אמת, אז דאס אליין, דאס פערשטארקען און פערגרעסערן די פערניכטונגס - מאשינען, האט טיילווייז געווירקט אז קיין מלחמה זאל נישט אויסברעכען, ווייל יעדע מלוכה, וואס איז געווען טעכניש גענוג פארגעבעריים צום קאמף האט זיך פארט געטראכט אפשר האט דער שונא נאך גרעסערע אויסראטונגס - מכשירים, מעגליך האט ער אין געהיים צוגעגרייט אזאלכע כלי-משחית וואס אונזערע זענען געגען זיי א זערא. און דאריבער האט קיינער פון די מלוכות נישט געוואלט זיין די ערשטע און אנהויבען דעם קאמף, אבער פארט איז דורכדעם די מורא נישט קלענער געווארען און מען לעבט כסדר אין דער שרעק, אז היינט-מארגען וועט אויסברעכען די מורא'דיגע מלחמה, וועלכע וועט די גאנצע וועלט איבערקעהרען צו תהו ובהו.

די לעצטע טעג זענען אין דער פאליטישער וועלט פארגעקומען געוויסע געשעהענישען, וועלכע מען מוז זאגען, אז אויב זיי קענען אונז נישט אינגאנצען בערוהיגען און פולשטענדיג פערמיידען די מלחמה-געפאהר, זענען זיי אבער פארט עלול אין א גרויסער מאס צו דערהאלטען דעם שלום צווישען די פעלקער.

קודם-כל דער צוטרוי - פאקט וואס איז ענטשטאנען צווישען ענגלאנד און פראנקרייך, צו וועלכען עס האבען זיך אין די לעצטע טעג געמאלדען און צוגעטרעטען אויך א רייהע מלוכות, ווי דייטשלאנד, רומעניען, פוילען און גריכענלאנד. דאס האט געוויס א זעהר וויכטיגע בעדייטונג פאר'ן וועלט-שלום.

מען מוז אויך נעמען אין בעטראכט דאס, וואס דייטשלאנד איז צוליעב דער שאוויניסטישער היטלער - בעוועגונג פערוואנדעלט געווארען אין פייער - שפייענדען בארג און מען האט מורא, אז דאס פייער קען זיך פערשפרייטען אויף דער גאנצער וועלט.

און טאקי צוליעב דעם מוז מען צוגעבען אנ'אונגעהויער וויכטיגע בעדייטונג דעם פויליש-סאוויעטישען שלום-אבמאך, וואס איז די וואך געשלאסען געווארען אין מאסקווא, וועלכען עס האבען אונטערגעשריבען מצד פוילען דער פוילישער אמבאסאדאר אין מאסקווא מינ. פאטעק און מצד רוסלאנד דער פערטרעטער פון קאמיסאר פאר אויסערליכע ענינים קרעסטינסקי.

דער דאזיגער שלום-אבמאך צווישען דיביידע גרויסע שכנות'דיגע לענדער האט אין דער פאליטישער וועלט ארויסגערופען גרויס צופרידענהייט, און מען זעהט אין דעם דעם ערשטען שריט, וועלכער קען דערפיהרען צו אנ'אלגעמיינעם שלום.

איבערהויפט איז דאך נישט קיין צווייפעל, אז דער דאזיגער שלום-אבמאך וועט אין א גרויסער מאס אבשוואכען דעם איינפלוס פון דער היטלעריסטישער בעוועגונג, וועלכע האט געקענט דערפיהרען צו א וועלט-קאטאסטראפע.

זאלען מיר האפען, אז די דאזיגע ביידע שלום-פונקטען זאלען דערפיערען די וועלט צו אנ'אלגעמיינעם שלום צווישען אלע פעלקער און לענדער.

קאמוניקאט.

אויף דער לעצטער זיצונג פון ועד המזרחי איז בעשלאסען געווארען זיך צו ווענדען צו דער עפענטליכקייט מיט פאלגענדען:

צוליעב דעם, וואס א רעליגיאנסלאזער מענש האט זיך געשטעלט אין דער שפיץ אלס ראש-הקהל פון דער היגער רעליגיעז-נאציאנאלער קהלה געגען רצון פון רוב פון דער יודישער בעפעלקערונג, ערקלערען מיר, אז דער מזרחי קאן איבער אזא חלול-הדת נישט איבערגעהן צום טאג - ארדנונג און וועט ציהען דערפון די געהעריגע קאנסעקווענצען.

ועד „המזרחי" בציענסטוחוב.

צענטראלער קליינהענדלער - פערבאנד, אבט. אין טשענסטאכאוו.

זונטאג, ד. 31 ד. ח. 4 נאכמ. און 5 א זייגער אין צווייטען טערמין, קומט פאר אין אייגענעם לאקאל 1'טע אלעע נר. 8

די אלגעמיינע פערזאמלונג

מיט'ן געהעריגען טאג-ארדנונג.

אין דער פערזאמלונג בעטייליגט זיך דער פרעזעס פון צענטראלען קליינהענדלער-פערבאנד אין פוילען **אדוו. וונדעלעוויטש.**

די פערוואלטונג.

נ"ע איטשע מעליך

איז נאך קורצע און שווערע ליידען געשטארבען אין עלטער פון 63 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, פ' מטות ומסעי כ"ה תמוז תרצ"ב דעם 29 יולי 1932 פון וואוינונג, גארנצארסקא 54.

וועגען וואס עס זענען מודיע די אין טיפען טרויער פערבליבענע

פרוי, זיהן, שניר, איינקעל און פאמיליע.

זונטאג, ד. 31 ליפיעץ (כ"ז תמוז תרצ"ב) צום ערשטען יאהרצייט פון אונזער אונפערגעסליכען מאן און פאטער

נ"ע פיליפ ראזענבערג

וועט פונקטליך 12 מיטאג פארקומען אויפ'ן בית-עולם די ענטהילונג פון דער מצבה און עס וועט געמאכט ווערען א הזכרה, צו וועלכער עס ווערען איינגעלארען קרובים און בעקאנטע.

די פאמיליע.

מיט טיעפען צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגען טויט פון אונזער מוטער און גרויס-מוטער

נ"ע שפרה גערשאנאוויטש

(פון דערהיים ארבוסמאן, פון ערשטען מאן ווייסבארד).

די לויה איז פארגעקומען מיטוואך, ד. 27 יולי 1932 י. (כ"ג תמוז תרצ"ב).

גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען דעם טהייערען נפטר דעם לעצטען כבוד. א בעזונדערן דאנק די פלעגע - שוועסטער פרוי **יאנאווסקא** פאר איהר מוסטערהאפטע פלעגע.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

קינדער, איינקלעך און אוראיינקלעך.

מיט טיעפען צער און טרויער זענען מיר מודיע וועגען פריהצייטיגען טויט פון אונזער ליעבע פרוי און מוטער

נ"ע חיה לאה פרייטאג

די לויה איז פארגעקומען מאנטאג, ד. 25 יולי 1932 י. (כ"א תמוז תרצ"ב)

גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה, בעזונדערס דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאנק דעם **אבער-קאנטאר** ה' **פישעל** פאר זיין אבריכטען אויפן בית-עולם די געהעריגע תפילות.

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

מאן, טעכטער, עלטערן און פאמיליע.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חבר **לייב פרייטאג** און **פאמיליע** צום טויט פון זייער פרוי און מוטער

נ"ע חיה לאה.

זייט געטרייסט!

א. גאלדשטיין, י. פייפער, ה. גאלדשטיין, מ. פייערמאן,
י. גאלדשטיין, ש. דילעווסקי, ש. גאלדשטיין, י. וועלטמאן
ח. שווינקעלשטיין, י. זעלקאוויטש.

PRZETARG.

Tymczasowy Zarząd Miasta Częstochowy (Wodociągi i Kanalizacja) ogłasza przetarg na sprzedaż rur wiertniczych używanych w ilościach:

Średnicy 16" około 183 m. b.
„ 14" „ 330 m. b.

Oferty w zalakowanych kopertach z napisem „Oferta na rury wiertnicze" należy wnosić do dn. 5 sierpnia b. r. pod adresem:

Dyrekcja Wodociągów i Kanalizacji
m. Częstochowy, Katedralna 2.

Częstochowa, 23 lipca 1932 r.

Starszy felczer

J. PRZYSUCHA N. Rynek 12

front, I-e piętro.

געוועזענער פעלדשער אין ווארשאווער שפיטאל אויף טשיסטע איז געקומען נאך טשענסטאכאוו נאך לאנגיעהריגער פראקטיק און נעמט אן קראנקע א גאנצען טאג ווי אויך ביינאכט.



7-io kl. Prywatna Szkoła Powszechna
B. Weinberżanki

w CZĘSTOCHOWIE, I-sze ALEJA № 8

איז מודיע דעם געעהרטען פובליקום, אז די אויבענדערמאנטע שולע נעמט אן איינשרייבונגען אויף דעם נייעם שוהל - יאהר אין משך פון גאנצען חודש שיערפיען ד. י. פון 9 פריה ביז 1 מיטאג טעגליך.

גלייכצייטיג מאכען מיר אויפמערקזאם, אז די פארבערייטונגס-קורסען אין אלע קלאסען הויבען זיך אן אין דעם זעלבען חודש.

בעמערקונג: אויך ווערען שוין אנגענומען שילער פון אנדערע שולען אויף פאלגענדע למודים ווי:

חומש, רש"י, נך, משניות, גמרא, העבעראיש און יודישע געשיכטע.

צוליעב'ן קריזיס איז דער שכר-לימוד א מינימאלער.

זייט וויסען,

אז דאס **מאנופאקטור - געשעפט** פון

ל. לעדערמאן

בערעק יאסעלעוויטש № 2

איז איבערגעטראגען אויף 1-טע אלעע № 7

פראנט-געוועלב.

איך עמפפעהל זיך די געעהרטע קונדשאפט מיט אלערליי מאנופאקטור - סחורות.

סאלידע בעהאנדלונג! ביליגע פרייזען!

מיט אכטונג
ל. לעדערמאן, 1-טע אלעע 7.

Żeńska Szkoła Dokształcająca Zawodowa dla Terminatorek

przy Związku Rzem.-Żydów w Częstochowie,

WILSONA 18, (lokal publ. szkoły powsz. 12)

podaje do wiadomości, że na podstawie zezwolenia Izby Rzemieślniczej w Kielcach organizuje dla chcących zdawać na świadectwo czeladnicze

2-tygodniowy Kurs, który trwać będzie od 15-go do 30-go sierpnia r. b.

Zapisy przyjmuje kancelarja szkoły w godz. po poł. od 18-ej do 20-ej od 1-go sierpnia do 12 sierpnia r. b.

נאטיצען.

וועגען היימישע ענינים.

מיר האבען שוין איינינע מאל בערירט די פראגע וואס לויט אונזער מיינונג בעגעהט דער ניי-געוועהלטער קהלה-ראט א גרויסע עולה מיט דעם וואס ער בעשעפטיגט זיך כלל נישט מיט די יודישע ענינים וואס האבען א שייכות מיט דער קהלה, אויף וועלכער די קהלה אלס אזעלכע דארף האבען די אויפזיכט.

און מיר האבען ערקלערט אז טראץ דעם וואס אפיציעל איז דער קהלה-ראט נישט טעטיג כל-זמן די פערוואלטונג האט זיך נישט קאנסטיטואירט. קען אבער פארט דער ראט, וועלכער בעשטעהט פון 18 פערזאן, זעהר פיעל אויפטהון, נישט אפיציעל, וואס עס איז דאכט זיך, לויט'ן געזעץ אויך נישט געשטערט.

ווייסען מיר דאך אז לויט'ן קהלות-געזעץ איז אייגענטליך די אויפגאבע פון קהלה-ראט בלויז אדורכצוזעהן דעם יעהרליכען בודזשעט - פראיעקט, וואס ווערט איהם פארגעשטעלט פון דער פערוואלטונג, און מיט דעם ענדיגט זיך לויט'ן געזעץ די טעטיגקייט פון קהלה-ראט (אויסער דעם וואס די פערוואלטונג טראגט פאר במשך דעם יאהר פערשידענע פראיעקטען וועלכע מוזען דורכ'ן ראט בעשטעטיגט ווערען), און פארט זעהען מיר, אז אין די ערטער וואו די קהלה - ראטען זענען טעטיג שאפען זיי פערשידענע קאמיסיעס וועלכע נעמען ארום אלע צווייגען פון דער קהלה - ווירטשאפט, און דאס איז כלל נישט אין ווידערשפרוך צו די פארשריפטען, — איז דאך פערשטענדליך אז דער קהלה - ראט אין אונזער שטאדט קען זיך טאקי נישט פערנעמען מיט קיין בודזשעט-ענינים, ד. ה. ער האט נישט קיין רעכט צו ערלעדיגען זיינע אפיציעלע פונקציעס, דאגעגען אבער קען ער אהן שום ספק בעארבייטען דעם נישט-אפיציעלען טייל, זיך צונויפקומען אויף פערשידענע קאנפערענצען וועגען וועלכע ס'איז קהלה-ענינים, און זיך בעמיהען זיי צו ערלעדיגען לויט זיין איינזעהן.

ביי אונז זענען דאך שוין אריבער 14 חדשים זינט די נייע קהלה-וואהלען, מיר אלע ווייסען אז אלץ, פאקטיש אלץ, וואס פאלט ארונטער דער קהלה געהט צום גרונד. עס איז גענוג צו דערמאנען די אונארדנונג וואס הערשט אין דער גערטנער-פרעמע (מיר בעקומען כסדר בריעף אין רעדאקציע, אין וועלכע די היגע יודען האבען גערעכטע טענות צו דער קהלה, הלמאי די דאזיגע אינסטיטוציע איז געווארען הפקר) און נישט בעסער איז דאס מיט די אנדערע קהלה - אנשטאלטען, און עס איז פאקטי"ש נישט צו פערשטעהן פארוואס מיר דארפען טאקי לאזען אלץ אונטערגעהען.

סוף-כל-סוף האבען מיר 18 פארשטעהער וואס זענען געוועהלט פון דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג שוין העכער א יאהר צייט, אין וועמעס האנד עס איז איבערגעבען געווארען די השגחה איבער דעם פערמעגען פון דער קהלה, און פארוואס זאלען די דאזיגע פארשטעהער זיך לגמרי נישט פראינטערעסירען מיט דעם וואס די היגע יודען האבען זיי אנגעטרויט, נאר זיי שטעהען פון ווייטען און קוקען זיך צו ווי אזוי אלץ געהט אונטער, ווי אויף אלע געביטען שטעהט פאר א פולשטענדיגען חורבן און רואין.

די לאגע אין דער קהלה איז לייי-דער אזאלכע אז מיר קענען נישט וויסען ווי לאנג עס וועט נאך דויערען ביז די פערוואלטונג וועט זיך קאנסטיטואירען, און דעריבער איז לויט אונזער מיינונג דער חוב פון אונזערע פרנסים זיך פערטראכטען וועגען אננעמען מיטלען דערווייל אין בין-השמשות צייט אבצוראטעווען דאס שארית-הפליטה, דאס איז זייער חוב אלס געוועהלטע פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

דער שטרייק וואס די היגע עלעקטראווניע - קאנסומענטען האבען ערקלערט דער עלעקטראווניע, הייסט דאס דויערט נאך אלץ ווייטער, און באמת דארפט ער דאך ווייטער דויערען אזוי לאנג ווי די עלעקטראווניע האט נישט געבראכען איהר הארטנעקיגקייט און וויל זיך פון ארט נישט ריהרען.

יעדע עטליכע טעג גיט ארויס דער קאנסומענטען - פעראיין א פאדערונג צו זיינע מיטגלידער, אז זיי זאלען ווייטער האלטען דעם שטרייק ביז דעם פולען נצחון.

דאס איז אלץ זעהר און זעהר ריכטיג, אבער צי זענען די אנפיהרער פון קאנסומענטען-פעראיין זיכער אז דער שטרייק וועט פאקטיש דערפיהרען צום ענדגילטיגען נצחון, אזוי אז זיי דארפען לגמרי נישט טראכטען וועגען קיין אנדערע מיטלען, מיט וועלכע מען זאל קענען די עלעקטראווניע צווינגען צו ערפולען אונזערע גערעכטע פאדערונגען?

אט דאכט זיך, אז אין אנדערע שטעדט וועלכע האבען אויך מיטגעמאכט דעם שטרייק, ווערט פארט איצט געטראכט וועגען אנדערע רעאלע מיטלען, ווי וועגען שאפען אייגענע פריוואטע אדער קאאפעראטיווע בלאק-עלעקטראווניעס, אדער אנדערע עהנליכע פראקטישע מיטלען, וועלכע ווען אפשר שטארקער ווירקען געגען דער פערעקשנ'טער עלעקטראווניע ווי דער אזוי לאנג דויערענדער שטרייק.

דער שטרייק איז געוויס א גוט מיטעל ווייל, ווי עס זאל נישט זיין, האט די עלעקטראווניע שוין פערלוירען דורכ'ן שטרייק א קאלאסאלע סומע און עס איז נישט קיין צווייפעל אז זי וועט דעם שטרייק פיהלען א גענוג לאנגע צייט, אבער פארט דאכט זיך, אז ווען מען זעהט אז דאס מיטעל ברענגט נישט צום געהעריגען ציעל דארף מען טראכטען אויך וועגען אנדערע מיטלען.

מען טאר דאך פארט נישט פערגעסען אז איצט געהט צום ווינטער. די נעכט ווערען שוין גרעסער, און ווער ווייסט אויב די גאנצע הונדערט פראצענט קאנסומענטען וועט ווייטער ציהען דעם שטרייק וועלכער דויערט שוין אזוי לאנג אהן ערפאלג.

מיר ווייסען נישט וואס עס קומט פאר, אויב עס ווערען געפיהרט וועלכע ס'איז אונטערהאנדלונגען מיט דער עלעקטראווניע, און אויב זי איז גענייגט צו געוויסע הנחות. דאס אלץ דארף אבער פערעפענטליכט ווע"ען, און זאלען די קאנסומענטען וויסען וועגען דעם.

און מעגליך דארף מען רופען אן אלגעמיינע פערזאמלונג פון די עלעקטריע-קאנסומענטען און אויסוועהלען א נייע פערוואלטונג, וועלכע זאל בעזיצען מעהר ענערגיע און אונטערנעהמונגס-גייסט מיט וועלכען מיר זאלען קענען ווייטער קומען.

י. פ.

בייי קאפ, לענדען און שולטער-רעוומאטיזם, נערוועןשמערצען, הוסט-וועהטאג, העקסענשוס, ווערט אנגעווענדעט דאס נאטירליכע ביטער - וואסער
FRANCISZK JÓZEFA
מיט גרויס נוצען אלס טעגליך רייניגונגס-וואסער פון די פערדייאונגס-קאנאלען.

די וואך.

דייטשלאנד.

דאס פייער וואס היטלער האט אנגעצינדען אין דייטשלאנד, האט זיך נאך נישט פערלאשען. די לעצטע טעג איז עטוואס רוהיגער געווארען און די גאסען-קאמפען האבען זיך פערקלענערט, אבער דאס איז אלץ נאר ווי א שטילשווייגען פאר'ן שטורם, ווייל מען ווארט איבער די פארלאמענט-וואהלען וואס קומען פאר אין עטליכע טעג, אבער היטלער דאגעגען, האט ערקלערט, אז ער וועט נישט קוקען אויפ'ן רעזולטאט פון די וואהלען, און אויב די וואהלען וועלען איהם נישט געבען קיין מעהרהייט, וועט ער באלד אין דער ערשטער נאכט נאך די וואהלען איינארדנען א מארש אויף בערלין, און וועט איבערנעמען די מאכט מיט געוואלד.

א נייע מלוכה.

צוליעב די ארומרייסענישען, וואס קומען פאר אין דייטשלאנד צווישען די פערשידענע מלוכות וואס זענען פעראייניגט אין דייטשען רייך, איז ענטשטאנען א פלאן, אז א רייהע מלוכות זאלען זיך אבצייסען פון דייטשלאנד און זאלען בילדען א בעזונדערע מלוכה צוזאמען מיט עסטרייך

ווידער יאפאן — כינא.

א אפיציעלער סאוויעטישער קאמוניקאט מעלדעט, אז יאפאן זאל ווידער אנהויבען א נייע מיליטערישע אקציע געגען כינא, און וועלען בעהערשען פעקין און טיענסטען. די יאפאנער האבען אנ'אויסרייד, אז די כינעזישע פארט-זעלנער האבען צוגערויבט א יאפאנישען שטאב-אפיציר, און אז די כינעזער האבען קאנצענטרירט ביי דער גרעניץ מאסען מיליטער.

פערשטארקערונג פון די שטייער עקזעקוציעס.

לויט די לעצטע פעראדנונג ווערט די שטייער-אמטען געגעבען דאס רעכט אויפצומאהנען שטייערען פון די שטייער-צאהלער אויך אין די יודישע און קריסטליכע ימים-טובים און צו מאכען אין די דאזיגע טעג עקזעקוציעס, אזוי אויך וועט מען מעגען מאכען עקזעקוציעס ביינאכט נישט בלויז אין די ארבייטס און האנדעלס-שעה'ן ווי עס איז געווען ביז-יעצט.

וועגען פערקלענערן דאס דירה-געלד.

א דאנק דער איניציאטיוו פון דער הויפט-פערוואלטונג פון די לאקאטארען-פעראיינען ווערט יעצט, ווי בעוואוסט, געפיהרט אנ'ענערגישע אקציע, וועלכע זאל קענען דערפיהרען דערצו, אז דאס דירה-געלד זאל פערקלענערט ווערען. דערווייל דריקט זיך אויס די אקציע אין דעם וואס עס ווערען נעזאמעלט אונטערשריפטען פון די לאקאטארען אויף א פעטיציע, וועלכע וועט איינגיכען דערלאנגט ווערען די מאסגעבענדע פאקטארען.

וועגען דער יודישער וועלט-קאנפערענץ.

די פעראינטערעסירונג מיט דער פארשטעהענדער יודישער וועלט-קאנפערענץ וועלכע זאל צוגרייטען א באדען פאר א יודישען וועלט-קאנגרעס, ווערט אלץ גרעסער צווישען אלע יודען פון גאר דער וועלט. עס וועלען קומען פארשטעהער כמעט פון אלע לענדער וואו יודען געפונען זיך. טראץ דעם, וואס געוויסע ארגאניזאציעס האבען זיך אבגעזאגט פון אנטיילנעמען.

פון פוילען קומען פערטרעטער פון די קהלות איןווארשא און ווילנא, פון מזרח-און מערב-גאליציען וועלען אויסגעוועהלט ווערען דעלעגאטען דורך קאנפערענצען. און א חוץ דעם האבען אנגעזאגט פוילען זייער אנטייל אין דער קאנפערענץ, פארשטעהער פון יודישען טיים-קאלא, פון יוד. סיים-ראט, די פערבאנדען פון סוחרים, קליינהענדלער און האנדווערקער.

ארץ-ישראל וועט זיין פערטרעטען דורך א דעלעגאציע פון ועד הלאומי, און פון דער בני-ברית לאזשע.

בס"ה ווערען ערווארט אין ציריך, וואו די וועלט קאנפערענץ קומט פאר פון 80 ביז 100 דעלעגאטען.

איז היינט באמת א זעלטענע ערשיינונג, און דאך האבען טויזענדער פרויען אויסגעדריקט זייער אנערקענונג און ענטציקונג פאר'ן פרעפאראט „הערבא. נאך לאנגע פרובען האבען זיי זיך איבערציינט, אז נאר די אונפערגלייכליכע הערבא-זייף האט זיי בעפרייט פון אלערליי הויט-אונריינקייטען. זומער-שפרענקלעך, לישאיען א. א. וו. ווערען שנעל פערשוואונדען ביים רעגולערען בענוצען הערבא - זייף, ווייל עס ענטהאלט גוטע הייל-עקסטראקטען דורפ'ן טעגליכען וואשען זיך מיט הערבא-זייף פערשפארט מען די אלע אונריינקייטען. הערבא - זייף איז ספעציעל פרעפארירט פאר א דעליקאטע פנים - הויט. הערבא-קרעם איז אנ'אידעאלע ערגענצונג פון דער הייליגע. צו בעקומען שוין פון 90 גר.

די ענטלאפענע.

18)

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג).

חנה'לען האט באלד זעהר בענג געטהון פארוואס זי זאגט איהר מוטער ליגענד, זי האט נאך איבערהויפט קיין ליגענד נישט געזאגט, און זי האט געוואלט צוריקציהען איהרע ווערטער און זאגען דער מוטער אז ס'איז גאר פערקעהרט, אז רייכמאן האט אויף איהר געמאכט א זעהר גוטען איינדרוק, אבער זי האט נישט געהאט צו דעם קיין מוט, איבערהויפט האט זי נישט געוואלט איהר מוטער צו פערשאפען קיין קרענקונג, זי האט בלויז זעהר בעדויערט וואס זי קען איהרע ווערטער נישט צוריקכאפען.

די מוטער אבער איז דאגעגען פון חנה'לעס ערקלערונג געווען זעהר צופרידען, און זיך געשעצט איבערגליקליך, זי האט זיך עטוואס פערטראכט, און דאן האט זי זיך האסטיג אויפגעשטעלט, אזוי ווי זי וואלט אנגענומען עטוואס א בעשלוס און צוגעהענדיג נאהענט צו חנה'לען האט זי געזאגט:

מיין ליעב קינד, איך מוז דיר זאגען דעם אמת, אז דו האסט מיר א שווערען שטיין פון הארצען אראבגעווארפען, איך האב געוואוסט אז דו ביזט א פרומע יודישע טאכטער, און האב קיינמאל נישט געצווייפעלט אין דיין עהרליכקייט, אבער איצט בין איך זיכער.

חנה'לען האט טיעף אין הארצען זעהר געקרענקט די פערשטעלטע ראלע וואס זי שפיעלט, און זי האט שוין געווארט מיט אונגעדולד אז די מוטער זאל אויפהערען דעם פיינליכען שמועס, אבער די מוטער האט זיך צו איהר געוואנדען און געזאגט:

אויב דו זאלסט מיר וועלען צוליעב טהון וואלט איך דיך עפיס געבעטען.

וואס הייסט אויב איך וועל די מאמעשי פאלגען? איך האב דען דיך שוין אמאל נישט געפאלגט?—האט חנה'לע געזאגט, און דאביי געווארען זעהר נייגעריג צו וויסען וואס די מוטער וועט פון איהר פערלאנגען.

איך וואלט געוואלט אז דו זאלסט רייכמאנ'ען אויסמיידען די עטליכע טעג וואט ער וועט נאך דא זיין.

איך מייד דאך איהם גענוג אויס.

איך מיין אז דו זאלסט זיך איינגאנצען פאר איהם נישט ווייזען, ער זאל דיך גארנישט זעהן.

אבער ווי אזוי קען איך דאס מאכען? דו זאלסט די עטליכע טעג זיצען אין דיין צימער.

און צום עסען?

צום עסען זאלסטו אויך נישט קומען צום טיש, נאר זאלסט עסען אין דיין צימער.

און וואס וועט דאס הייסען פאר איהם?

פאר איהם וועט מען זאגען אז דו ביזט, בעהיט גאט, נישט געזונד.

די ארימע מוטער האט נישט געוואוסט אז וואס מעהר זי וועט די טאכטער אבהאלטען פון זעהן רייכמאנען, אלס מעהר וועט זי ציהען צו איהם, און אזוי איז דאס ווירקליך געווען, חנה'לען האט זיך נישט פערגלוסט צו זיצען איינגעשפארט אין צימער ביז ער וועט אוועקפאהרען, אבער נישט וועלענדיג אז די מוטער זאל פערשטעהן וואס ביי איהר אין הארץ קומט פאר האט זי געפרעגט:

ווי לאנג וועט ער דען נאך היע זיין?

ביז אכט טעג, ווען די מעסע וועט זיך ענדיגען.

גו, איז דאס מעגליך, אז איך זאל גאנצע אכט טעג זיצען פערשפארט ווי אין א תפיסה?

זאל גאט היטען—האט די מוטער געענטפערט—בייטאג ווען ער איז אויף דער מעסע קענסטו געהן וואוהין דו ווילסט, נאר אין אוונד און באלד אינדערפריה ווען ער איז ביי אונז זאלסטו דאן זיצען אין דיין צימער, און ס'זאל הייסען אז דו ביזט אונוואהל.

יא, אזוי קען מען דאס מאכען—האט חנה'לע געענטפערט.

דו קענסט מיין קינד, שוין יעצט געהן אין גאס זיך אביסעל דורכשפאצירען—האט די מוטער געזאגט—אום דו זאלסט געגען אוונד פריהער אהיימקומען און זיך אויסבעהאלטען אין דיין צימער.

א קורצע צייט האבען זיך מוטער און טאכטער צווישען זיך זעהר געמיטליך געשמועסט, און דאן איז חנה'לע אוועק אין גאס, און די מוטער האט זיך גענומען צו איהרע טעגליכע בעשעפטיגונגען.

.12

אדאלף רייכמאן איז אוועק אין דער גרויסער ישיבה, וואו עס האט געלערנט חנה'לעס חתן מיט'ן צוועק זיך מיט איהם צו בעקענען.

ער האט זאגאר נישט געוואוסט ווי דער חתן הייסט, און אויף וועמען ער זאל זיך פרעגען, אבער ער איז געווען זיכער, אז פרעגענדיג זיך אויף יעקב משה'ס חתן וועט ער איהם לייכט געפונען. ער האט בלויז נישט געוואוסט וואס ער זאל אויסטראכטען אלס תירוץ פארוואס ער איז צו איהם געקומען, אבער דאס האט ער איבערגעלאזט דעם צופאל.

ווען ער איז געקומען אין דער ישיבה האט מען נאך געהאלטען אין מיטען „שיעור". די בחורים האבען זיך אומגעקוקט אויף דעם עלעגאנט-געקליידעטען יונגערמאן, וואס איז אריינגעקומען, אבער אדאלף האט זיך געשאפט קוראזש און זיך אוועקגעזעצט אויסהערען דעם שיעור וואס דער גרויסער גאון האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, וועלכער איז געווען אדורכגעפלאכטען מיט גרויס חריפות און בקיאות.

רייכמאן זעלבסט איז אויך געווען א וואויל-לערנער, און כאטש ער האט שוין א לענגערע צייט נישט געלערנט, האט ער פארט פערשטאנען וואס דער רב האט מיט זיינע תלמידים געלערנט אזוי אז זיצענדיג א קורצע צייט איז ער געווארען מיטגעריסען מיט'ן שיעור, אז ער האט שוין באלד פערגעסען דעם צוועק פון זיין קומען.

דער שיעור האט אבער שוין נישט לאנג געדויערט, דער רב האט זיך אויפגעשטעלט צוזאמען מיט אלע תלמידים וועלכע זענען געבליבען אין בית-המדרש. בלויז איין בחור איז נאכ'ן רב אריין צוזאמען מיט איהם אין זיין צימער וואס האט געהאט פון דארט א איינגאנג.

רייכמאן האט ערשט איצט זיך ווי אויפגעכאפט פון שלאף און זיך דערמאנט וועגען וואס אייגענטליך ער איז געקומען, און ער האט שוין געוואלט צוטרעטען צו דער ארבייט זיך פרעגען וועלכער פון די בחורים ס'איז חנה'לעס חתן.

ער האט בעמערקט ווי איין בחור א שווארצער, מיט א קליין שפיציג בערדיל, ווילד בעוואקסען איז אוועק מיט'ן רב, און ס'איז איהם געקומען אויפ'ן געדאנק, אז אפשר איז דאס חנה'לעס חתן, ווייל בעת'ן שיעור האט ער אויך בעמערקט אז דער דאזיגער בחור איז דער בעסטער פון אלע תלמידים, און מיט איהם האט דער רב זיך פערנומען מעהר ווי מיט אלע אנדערע.

אבער ביי דעם דאזיגען געדאנק האט ער זיך פשוט אבגעשאקעלט און געטראכט אז עס איז אונמעגליך דאס יעקב משה זאל נעמען פאר זיין איינציגער, גערעטענער און שעהנער טאכטער אזא מיאוס'ען חתן, מעג ער אפילו זיין דער גרעסטער למדן.

ער האט זיך אביסעל פערטראכט, אבער זעהענדיג ווי די בחורים פערלאזען איינציגווייז דאס בית-המדרש, און מעגליך וועט אויך חנה'לעס חתן אוועקגעהען, האט ער זיך געווענדעט צו איינעם און געפרעגט:

אפשר קענט איהר מיר אנווייזען ווער פון אייך ס'איז יעקב משה'ס חתן?

ער איז נישטא.

וואס, ער איז שוין אוועק? — האט רייכמאן געפרעגט.

ער איז באלד נאכ'ן שיעור אוועק צוזאמען מיט'ן רב — האט דער בחור געענטפערט.

(פארטז. קומט).

נייע ערפינדונגען, וואס זענען נור וואס געמאכט געווארען.

פון אונזער לייפציגער קארעספאנדענט ז. האבער, ווינן.

נישט קוקענדיג אויף די שלעכטע צייטען און אויף דעם שווערען קריזיס, וועלכער האט ארומגענומען די גאנצע וועלט, ארבייט די טעכניק און די ווי־סענשאפט ווייטער, בכדי דאס לעבען בילינער און בעסער צו מאכען. אזוי ארום זענען געשאפען געווארען אין דער לעצטער צייט זעהר פיעל נייע ערפינדונגען, וואס וועלען אויף דער קומענדיגער לייפציגער אסיען - מעסע פארגעפיהרט ווערען. א טייל פון די ערפינדונגען קען איך שוין היינט בע־שרייבען:

א זאפע פון פערשיעדענע שטיהלען.

א דייטשע מעבעל-פאבריק האט זיך געלאזט פאטענטירען א זאפע, וואס ווערט צונויפגעלעגט פון פערשידענע איינצעלנע שטוהלען. א גאנצען טאג קען מען די בעקוועהמע שטיהלען אני־דערשטעלען וואו מ'וויל נאר. ביינאכט אויב מ'בענויטיגט זיך אין א שלאף־געגענשטאנד, קען מען די שטיהלען צונויפשטעלען, איינצעלנע טיילען לא־זען זיך אראבנעמען און ס'ווערט דער־פון א לאנגע סאפע, אויף וועלכער עס קענען רוהען איין ביז צווי מענשען אין א צייט, וואו די דירות זענען זעהר טייער און כמעט נישט צו בע־קומען, איז אזא זאפע נוצליך אין יע־דען הויז. די שטוהלען אליין זענען אזוי געמאכט, אז זיי בעוועגען זיך אויף אלע זייטען, וואו דער מענש וויל זיך נור ריהרען.

ווי אזוי קיהלט מען עפיס אין די פלעשער?

אין די גרויסע היצען קומט אפט פאר אין דער ווירטשאפט, אז מ'מוז פער־שידענע געטראנקען, וועלכע געפונען זיך אין פלעשער, ווי: וויין, ביער מילך וכדומה. שטעלט מען די פלעשער אונ־טער א וואסערלייטונג, אזוי, אז עס ווערט בלויז איין זייט זיין שטענדיג געקיהלט, ווייל דאס וואסער רינט נור אויף איין שטעלע. איצט האט א מע־טאל-פאבריק ערפינדען אזא זיפעל, וועלכעס מ'טוט אן אויף דער פלאש. דאס וואסער ווערט פון דעם זיפעל אויפגענומען און ס'ווערט אדורכגע־פיהרט ארום און ארום דער פלאש אויף אזא אופן ווערט אין דער פלאש אלץ גלייך קיהל און קען נישט פער־דארבען ווערען. אזא זיפעלע קאסט עטליכע פעניג און וועט איצט אויפ'ן לייפציגער יריד צום ערשטען מאל עפענטליך אויסגעשטעלט ווערען.

ארטיקלען, וואס לייכטען ביינאכט.

וויל מען ביינאכט ארויפגעהן אדער אראבגעהן די טרעפ, קומט מען אין א פינסטערן חדר און מ'זוכט עפיס און מ'חאט נישט צו דער האנד קיין ליכט, איז עס א שווערע זאך, וואס פער־שאפט עגמת-נפש. ליגט ערגיץ א קראנ־קער, וואס פערטראגט נישט דאס ליכט קען מען איהם נישט לאזען אין דער פינסטער. אויף דער קומענדיגער לייפ־ציגער מעסע, וועט מען אויסשטעלען א מין צעלולאיד, וואס לייכט ביינאכט אין דער פינסטער. מ'קען עס אויפ־הענגען וואו מ'וויל, אין יעדען פינס־טערן חדר, וועט עס לייכטען. עס וועט ווייזען דעם וועג אויף טרעפ, עס וועט בעלויכטען אלץ וואס מ'וויל נאר. אזא צעלולאיד האלט זיך 6 ביז 8 יאהר און וועט קאסטען זעהר ביליג, אזוי אז מ'קען עס לייכט קויפען פאר יע־דען הויז.

א טיער־שילדעל מיט א שפיגעלע.

ס'קומט אפט פאר, אז מ'קלינגט ביי ביי דער טיער אדער מ'קלאפט און ווען מ'עפענט, שטעלט זיך ארויס, עס איז עפיס א פערשוין, וואס וואלט גע־מעגט בלייבען אויף יענער זייט. א צודרינגליכער הויזירער, א פערדעכ־טיגער בעטלער וכדומה.

אויפ'ן לייפציגער אסיען-יריד ווערט מען פערפיהרען א טיער - שילדעלע, וואס מ'קען אנקלאפען ביי יעדער טיער און וואס וועט זיין פערבינדען מיט א שפיגעלע, דורך וועלכען מ'וועט קענען גאנץ גוט זעהן, ווער ס'איז אויף יע־נער זייט טיער.

אזוי ארום וועלען מיר זיין געשיצט פאר נישט געוואונשענע אורחים.

טאקען. וואס ווערען קיינמאל נישט צובראכען.

פיעל קאפ-ברעכעניש האט שוין גע־האט יעדעס הויז, וואו ס'זענען דא קינדער, וואו מ'נעמט טאקען, וואס ווערען נישט צובראכען. יעדעס קינד איז א משחית און די טאקען האבען צו זיך געהאט, אז טאמער זענען זיי אראבגעפאלען אדער דאס קינד האט דערמיט א ווארף געטהון, זענען די אברים געפלויגען איינציגווייז.

אויפ'ן קומענדיגען לייפציגער יריד וועט צום ערשטען מאל אויסגעשטעלט ווערען א טאק אויס גומי, וועלכע קען בעוועגען אלע גלידער און קען קיינ־מאל נישט צובראכען ווערען. אזא טאק וועט מאכען א גרויסע איבער־קעהרעניש אין דער גאנצער אינדו־סטריע פון שפיעלצייגען, וועלכע איז אויף דער וועלט זעהר גרויס.

צום סוף וויל איך די חשוב'ע לע־זער פון דער צייטונג זאגען, אז די אדרעסען פון די פאבריקען, וואס הא־בען ערפינדען די דערמאנטע חפצים זענען מיר בעקאנט און אויב עמיצער וויל זיך דערמיט פעראינטערעסירען, קען ער וועגען מיין אדרעס אנפרעגען ביי דער רעדאקציע פון דער צייטונג.

די אנטיסעמיטישע פרעסע וועגען דעם יוד. וועלט־קאנגרעס.

אויך די „גאזעטא וואַרשאווסקא" פערנעהמט זיך מיט'ן יודישען וועלט־קאנגרעס, פערשטעהט זיך אויף איהר שטייגער. די אנטיסעמיטישע צייטונג שרייבט: די יודישע פאליטיק טרעפט לעצטענס אן אויף גרויסע שוועריגקיי־טען, אזוי גוט ביים אויסבויען פון ארץ-ישראל, ווי אויך דער ווייטערדי־גער עקזיסטענץ פון די יודען אין די גלות - לענדער. דעריבער דארפען די יודען פעסטשטעלען פאר זיך א מע־טאד פון ווייטערדיגער האנדלונג.

די אידעע פון צונויפרופען א יודי־שען וועלט - קאנגרעס און אויסטיילען פון איהם אן'אפיציעלע רעפרעזענטאנץ פון גאנצען יודענטום איז שוין נישט ניי. אין יאהר 1900 און 1921 זענען שוין געמאכט געווארען אזעלכע פרו־בען, אבער זיי האבען זיך נישט איינ־געגעבען.

לעצטענס זענען אבער אריינגעטרע־טען פערשידענע ענדערונגען. פון איין זייט הויבט אן ענגלאנד זיך ארויסצו־ציהען פון איהרע פערפליכטונגען בנוגע דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל, פון דער אנדערער זייט האט די אנטיסעמיטישע בעוועגונג אין אלע לענדער אנגענומען בעוואוסטזיניגע מעטאדען און דרינגט אביין אינ'ם געביעט פון געהיימע פלע־נער פון יודישער פאליטיק. דער בע־וואוסטזיניגער אנטיסעמיטיזם נעהמט שוין אן אומעטום א פרינציפיעלען קאמף מיט דער יוד'שער איבערהער־שאפט אין אלע געביטען פון געזעל־שאפטליכען לעבען.

בעזונדערס האט דער דייטשער אנ־טיסעמיטיזם בעאונרוהיגט די יודען, מיט'ן גורל פון דייטשלאנד האבען די יודען פערבונדען זייערע פלענער אין מיטעל און מזרח-אייראפא. דער דייטשער אימפעריאליזם, בענוצענדיג זיך מיט די יודען האט פאר דער יודישער נאציאנאלער פאליטיק געשאפען גרויסע מעגליכקייטען, וועלכע די יודען האבען שטארק אויסגענוצט.

איצט האט די אגיטאציע פון די היטלער-לייט די דאזיגע מעגליכקייטען צוגערויבט. מ'דארף נישט פערגעסען, אז די אנפיהרער פון די היטלעריסטען בעהאלטען זיך גארנישט דערמיט, אז זיי וועלען איבערנעהמען די אנפיהרונג פון קאמף געגען יודען אויף אנ'אינ־טערנאציאנאלען פערנעהם.

דער קאמוניסטישער עקספערימענט, וועלכער איז געשטיצט געווארען דורך די יודישע מיליאנערען ווי יעקב שיף און אנדערע האט זיך אויך נישט איינ־געגעבען.

דעריבער האט די יודישע פאליטיק —לויט דער מיינונג פון דער „גאזעטא ווארשאווסקא"—צו לעזען א גרויסען פראבלעם, ווי אזוי זיך צו ראטעווען, ווי אזוי אויף ווייטער צו בלייבען די הערשער אויף דער וועלט.

און איבערגעהענדיג צו די פראגען, וועלכע דארפען בעטראכט ווערען אויף דער גענפער קאנפערענץ, געפעלט זעהר שטארק דער צייטונג דער פארשלאג פון דעם רעדאקטאר פון „דואר היום" אז די מלוכות, וועלכע האבען א צו־גרויסען פראצענט יודען זאלען צונויפ־רופען א קאנפערענץ וועגען לעזען דאס יודישע פראבלעם.

לויט דער אנטיסעמיטישער צייטונג איז דער דאזיגער פארשלאג אנ'ענט־שפרעכענדער און פערנונפטיגער, פער־שטעהט זיך לויט'ן אנטיסעמיטישען נוסח. די צייטונג גיט א קרעכץ און שרייבט, ווען אזא קאנפערענץ זאל צושטאנד קומען וואלט זי געעפענט אויסזיכטען אויף בעפרייען זיך פונ'ם יודישען ראק, וועלכער שטעקט און פרעסט דעם ארגאניזם פון די פעלקער וועלכע האבען ביי זיך א גרויסען פראצענט יודען.

בויען און וואוינען.

די נייע אויסשטעלונג אויפ'ן פראגער יריד.

פון אונזער פראגער קארעספאנדענט פ. לאנגשטיין.

וואוינען און בויען זענען היינט צוויי פראבלעמען, וואס די גאנצע וועלט בעשעפטיגט זיך מיט זיי. אויף דער גאנצער וועלט איז יעצט פערהאן א גרויסער מאנגעל אין וואוינונגען, ווייל ס'איז נישט פערהאן קיין געלד צו בויען. וואו ס'איז נויטיג לויט דער ענטוויקלונג פון דער בעפעלקערונג.

אין די מייסטען לענדער קענען בויען בלויז די געמיינדען אדער די רעגירונג, וועלכע זענען אבער היינט אויך שטארק בעשרענקט און זייערע מיטלען און קענען באין אופן נישט בויען אזוי פיעל, וויפיעל ס'איז נויט־ווענדיג.

אויפ'ן קומענדיגען פראג'ער יריד, וועט א גאנץ ברייטען רוים ארומנע־מען די אויסשטעלונג „בויען און וואוי־נען", וועלכע וועט זיין פערטרעטען כמעט פון דער גאנצער וועלט און וועלכע וועט ווייזען ווי אזוי איינצעל־נע לענדער בויען זייערע וואוינונגען און ווי אזוי ס'איז מעגליך אין דער יעצטיגער שווערער צייט לכל הפחות אזוי פיעל צו בויען, אז די דרינגענ־דע בעדערפנישען זאלען בעפרידיגט זיין.

די דאזיגע אויסשטעלונג וועט ארומ־נעמען אלע טעכנישע נייהייטען בנוגע בויען און בנוגע דירות, וועלכע זענען פאר די היינטיגע לעבענס-מעגליכקיי־טען נויטווענדיג. עס וועט דערמיט זיין פערבינדען אנ'אויסשטעלונג פון עלעק־טריציטעט, גאז, וואסער און בכלל אלע ענינים, וועלכע זענען נויטווענ־דיג צו אונזער טעגליכען לעבען און פאר אונזער דירה. דערצו קומט נאך א סעפאראטע אויסשטעלונג ווי אזוי צו פערהיטען דאס פייער אין הויז און ווי אזוי זיך צו שיצען פאר אלערליי שאדענס אין הויז.

די דאזיגע אויסשטעלונג וועט שטעהן אונטער דער השגחה פון דער טשעכי־שער רעגירונג און די דיפלאמאטישע פערטרעטער פון כמעט אלע לענדער, וועלען ארויסווייזען זייער גרויסען אינ־טערעס פאר דער אויסשטעלונג, וואס וועט זיין די גרעסטע אין אייראפא.

צום ערשטען מאל וועט מען אויך ווייזען די פערשידענע ארטען פון בוי־ען הייזער אויס האלץ, וועלכעס איז זעהר ביליג און הויבט זיך אן צו פערשפרייטען אויף דער גאנצער וועלט. אודאי מוז מען דערצו האבען מעגליכ־קייטען זיך צו שיצען פאר פייער, וועלכע זענען יעצט פערהאן גענוג. אויך דאס וועט יעצט זיין צו זעהן אויפ'ן פראגער יריד.

פערשטעהט זיך, אז אויך מעבעל, מוזיקאליען און בכלל אלץ וואס ס'גע־הערט צו א מאדערנע וואוינונג, וועט מען דארט זעהן לרוב און מען רע־כענט אויך, אז די יעצטיגע מעסע וועט זיין פיעל גרעסער און אימפאזאנ־טער ווי אלע ביז-אהעריגע אסיען־מעסעס.

זונטאג אין אסטראוו.

נישט האבענדיג צו טהון אזא זונ־טאג'דיגען טאג אין דער שטאדט (קיין פערזאמלונגען און פארלעזונגען קומען אין יעצטיגען אוגערקע - סעזאן נישט פאר) לאזט מען זיך צוזאמען מיט נאך הונדערטער געסט קיין אסטראוו.

די באהן איז אנגעשטאפט מיט מענ־שען ווי הערינג אין א פעסיל אין דאס רוב קויפען אויס וויטשעטשקאווע בי־לעטען, וואס קאסט זיי א פאר גרא־שען ביליגער.

אויסערדעם פאהרען געסט אויף רי־סארקעס און אויטאמאבילען, אויסער די געסט, וואס פאהרען אויף אייגענע אויטא'ס און ראווערען.

מיט איין ווארט זונטאג איז אין אסטראוו א יריד און עס קאכט ווי אין א קעסיל.

פרישע לופט מיט... שטויב.

דרעהען זיך די געסט ארום אין דעם אסטראוו גרופענווייז און מען שפא־צירט אין וואלד, ווי אויך פון ווילע צו ווילע. דערווייל פאהרט אנ'אויטא און מאכט אן א קורזש און דער שטויב עסט זיך צוזאמען מיט דער פרישער לופט איין אין די לונגען, אזוי אז מען האט צוזאמען מיט דער פרישער וואלד-לופט אויך א נישקשה'דיגע פאר־ציע שטויב.

די יודישע „קעניגין" אויף בעזוך.

צווישען די פיעל געסט, וואס קו־מען ארויס זונטאג קיין אסטראוו, האט זיך אויך געפונען דעם לעצטען זונטאג א הויכער גאסט, נעמליך: די יודישע „קעניגין" יאדוויגא, וועלכע האט בע־וויליגט א בעזוך מיט איהר הויכגע־שטעלטע מאיעסטעטישע פערזענליכ־קייט.

איך האב געהאט דעם כבוד צו הא־בען אנ'אינטערוויאו מיט דער „קעני־גין", וועלכע האט מיר ענטפלעקט דעם טיעפען סוד פון איהר בעזוך.

— וואס האט בעוואויגען, אז אייער קייזערליכע הויכקייט זאל די אסטרא־ווער ליעטניקעס בעגליקען מיט אייער בעזוך.

— כ'האב געהאט א חלום און דער מלאך האט מיר בעפוילען, אז איך זאל ארויס צו מיינע אונטערטאנען. וואס געפונען זיך אין וואלד צולייגט און זיי זאגען: הער אויס פאלק ישראל, אויב איהר וועט מיך זאלבען פאר א קעניגין, וועט איהר אלע בקרוב זיצען אין אייגענעם לאנד, יעדער אין זיין וויינגארטען און אונטער זיין טייטעל־בוים.

— צי האט די קעניגין בעצוועקט דעם ציעל?

— דערווייל האב איך בעוויליגט צו עסען אווענד-ברויט ביי איינעם פון מיינע בירגער און אז דער מלאך וועט זיך מיר ווידער בעווייזען וועט ער מיר געבען ווייטערדיגע אינסטרוקציעס, דערווייל איז די מלכה מוסיף, ווילען די יודען נאך נישט אוועקגעבען דאס געלד, וואס איז זיי אנפערטרויט גע־ווארען צו מיינע צוועקען.

איך האב זיך העפליך געזעגענט מיט דער קעניגין, וועלכע איז נאך געבליבען אין אסטראוו ערפולען איה־רע שליחות'ן.

דער יוד מיט די קיכלעך.

אויסער די פערשידענע געוועלבלעך און ביידלעך, וואס ווערען אויסגע־שטעלט זומער-צייט קומען נאך ארויס יעדען זונטאג סוחרים מיט פערשידענע פראדוקטען, וואס פיהרען אויבסטען און אנדערע פירות זיך צו דערקוויקען דאס הארץ.

פון די אלע צייכענט זיך אבער אויס איין יודעל, וואס ברענגט קיכלעך, טשאסטעס און יאגדע-קיקעלעך.

דאס יודעל קריכט ארום אין וואלד און לייגט פאר זיין סחורה און מאכט עס אזוי פיין און קונציג, אז די ליעט־ניקעס, וואס זענען אפילו נישט הונ־געריג, קויפען א קיכעל פאר א צעה־נעריל.

ווען איך האב געטראפען דעם יוד שפעט אויפדערנאכט אהיימפאהרען זע־נען שוין די בעקענס מיט די קאשי־קעס געווען ליידיג.

מען ווייַלט זיך.

א גרויסע מחיה האט אין אסטראוו די יוגענד, עס ווערט זיי מיאוס זיך ארומצודרעהען אין דער שטאדט פוסט און פאס, כאפט מען זיך אויף זונטאג פארטאגס און היידא קיין אסטראוו.

שפאצירט מען קופעסווייז אין וואלד און מען שטאט אב וויזיטען בעקאנטע און נישט-בעקאנטע.

קומט אויפדערנאכט, פערזאמעלט מען זיך אין קעניגסבערג'ס ווילע און ביי דער בעגלייטונג פון א פאטעפאן טאנצט מען. די לופט איז געדיכט, דער פא־טעפאן שפילט הייזעריג און די יוגענד הוליעט.

דער איינענטימער פון פענסיאנאט שטעהט אונבעהאלפען און ווייסט נישט וואס צו טהון, אפשר וועלען זיי דאך געבען עפיס צו לייזען.

סיי ווי געפונט זיך שוין די יוגענד איהרע וועגען, וואי זי זאל קענען אפי־לו אין די הייסע טעג כאפען א טענ־ציל.

ביי דער באהן.

קומט אויפדערנאכט לאזט זיך דער גאנצער עולם צו דער באהן, סיי די, וואס פאהרען אוועק און אויך די וועל־כע געהן בעגלייטען די געסט.

ווערט ביי דער באהן א שטיקעניש נישט צום אויסהאלטען און ווען דער צוג קומט אן ווערט א געשריי, א ליא־רעם, אז מיט סכנת נפשות שטיפט מען זיך אדורך אין וואגאן אריין.

וויפיעל מאל מען האט שוין אויפ־מערקזאם געמאכט, אז דאס איז נישט דערלאזבאר, אז מען דארף זיך נישט קוועטשען און מאכען אזא טומעל. עס העלפט אבער נישט.

דער טאראראם ביי דער באהן זונ־טאג אויפדערנאכט אין אסטראוו איז מעהר ווי סקאנדאליעז.

א הערליכע אטראקציע

די הערליכסטע אטראקציע אין אס־טראוו איז בלי ספק די קינדער-קאלא־ניעס פון „טאז" און „דאבראטשינ־נאשטש".

אין מיטען וואלד פערזאמלען זיך די קינדערלעך, וועלכע בילדען א קרייז, שפילען זיך, טאנצען, זינגען לידלעך און בעקומען זייער מאהלצייט און ארום זיי פערזאמלען זיך נייגערי־גע און קוועלען אן פאר נחת.

דאס זעלבע איז מיט דער קאלאניע פון „טאז", וואו די קינדער פערברענ־גען א גאנצען טאג אויפ'ן הערליכען הויף, אין פרעכטיגען גארטען, ווי אויך אין וואלד.

אויפדערנאכט שלאפען די קינדער אין גערוימע צימערן ביי אפענע פענ־סטער.

די קינדער ווערען אין משך פון די 4 וואכען געזונדטער און שעפען כח אויף א גאנץ יאהר. עס וואלט נאר געווען געוואונשען, אז די דאזיגע צוויי אינסטיטוציעס זאלען האבען די מעג־ליכקייט נאך איינצוארדנען א סעזאן קאלאניע.

אויך קומען זונטאג קיין אסטראוו די עלטערן פון די קינדער, וועלכע פרעהען זיך מיט זייערע שוועלבלעך און די קינדער, צו וועלכע זייערע על־טערן קומען נישט, זענען טרויעריג און קוקען מיט קנאה אויף די גליקליכע קינדער.

א גאנצע וואך געהט א קארעספאנ־דענץ צווישען די קינדער מיט די על־טערן, אז זיי זאלען נור למען השם קומען זונטאג צו פאהרען אויף דער קאלאניע.

נישט אלע מאל איז אבער אזוי גע־וואונשען דאס קומען פון די עלטערן. אט למשל האב איך בייגעוואוינט ווי א מוטער איז געגאנגען מיט איהר קינד אין וואלד אריין, איז עס געקו־מען צובייליט און צוקלאפט, באשר דאס קינד איז געפאלען א. ז. וו. ווען די קינדער זענען אבער אונטער דער אויפזיכט פון דער לעהרערין, גיט זי אבאכט אויפ'ן קינד.

יעדענפאלס איז אין דעם מאנאטא־נעם אסטראוו די שענסטע אטראקציע די קינדערלעך פון די קאלאניעס, וואס פולען אן דעם וואלד מיט זייערע יונ־געטשקע שטימעלעך.

לויתן

א בריעף פון ארץ-ישראל.

פון ירוחם לעווין.

די יודישע ישובים אין עמק-יזרעאל בעזיצען אַ ספּעציעלען כאַראַקטער. אויב די קאָלאָניעס אין יהודה זענען אויסגערעכענט דער עיקר אויף עקספּאָרט: זיי שיקען די פּרוכט פון זייערע פּרדסים אין נאָהנטע און ווייטע לענדער, בויט אָבער דער עמק הויפּטזעכליך זיין ווירטשאַפט אויף דעם אייגענעם געברויך. אמת די ווירטשאַפט איז דאָ אַ געמישטע, נעבען דעם אַקערבוי-צווייג מיט זיינע ברייטע לאַנד-שטחים פערזייהטע מיט ווייץ און גערשטען. אויך מאַאים אַלס זומער-תבואה פערנעמען אַ חשוב'ן פּלאַץ די איבריגע צווייגען: מילך, עופות און אייער, האָניג, וויינטרויבען (מעהרסטענס — צום עסען, ווייניג אויף ווין-פּראָדוקציע), גרינס און אין אַנדערע מקומות — שאָף. לעצטענס בעמיהט זיך אויך דער עמק אַדורכצוברעכען אַ וועג צו די חוץ-לאַרץ'דיגע מערק. אַזוי איז מיט דער הילף פון דער רעגירונג געמאַכט געוואָרען אַ פּרוב צו שיקען אייער קיין אויסלאַנד — און מיט ערפאָלג. שוין אַ לענגערע צייט שיקט מען באַנאַנעס (דער עיקר פון עמק הירדן). מ'האָט אַפילו שוין געפּרובט שיקען פון דאַנען אַ טראַנספּאָרט וויינטרויבען אין די ווייטע מערק. דאָך בלייבט אַ גרונד-שטריך פון דעם עמק-כאַראַקטער: דאָ עסט מען דאס אייגענע ברויט. אין די יהודה'ער קאָלאָניעס האָבען געטראָפען פאַלען, דאס אין דער מלחמה-צייט זענען די חוצ'נע מערק געווען געשלאָסען און אַפּעלסינען זענען דאָ געווען בחצי חנם, כאָטש נעם און וואַרף זיי אין ים אַריין און דוקא ברויט האָט אויסגעפעהלט אין יענע קאָלאָניעס. דאַן האָבען אַרויסגעוויזען זייער לעבענס-פעהיגקייט די קאָלאָניעס פון גליל, וואו יעדער קאָלאָניסט איז המוציא לחם מן הארץ. אויך אין עמק-יזרעאל קען שוין אַזאַ נעפאַהר פון פעהלען ברויט נישט זיין. דאָך זענען די לעצטע פּאָר יאָהר געווען שווערע פאַר'ן עמק, וועלכער האָט טאַקי נישט געהאַט פאַר זיך גענוג ברויט, צוליעב די אָנשיקענישען מן השמים. איין יאָהר נאָכ'ן אַנדערן האָבען זיך געמאַכט צופאַלען. דאָ איז געווען אַ טריקעניש: עס האָבען זיך פערמאַכט די „פענסטער פון הימעל", ווי עס דריקט זיך אויס די תנכ'ישע מליצה און קיין רעגען איז נישט געגאַנגען. ארץ-ישראל, ווי בעקאַנט, לעבט אַ גאַנץ יאָהר פון די עטליכע חדשים רעגענס אין ווינטער. ווי איז אָבער, ווען ווינטער געהען ווייניג רעגענס, ווירקט עס שלעכט אויף די ווינטער און זומער תבואות. אַ צווייט יאָהר איז געקומען אַנ'אַנדערע צרה: מייז אין די מאַסען, ווי אַ מכה אין פּרעה'ס צייטען, האָבען זיי געטהון זייער איידעלע „מלאכה" אויף די פעלדער. ס'פערשטעהט זיך, אַז ווען די מייז האָבען געדראַשען אויפ'ן פעלד, האָט זיך שוין דער ערד-אַרבייטער נישט אָבגעשטעלט וואָס צו שניידען... אַזוי זענען אַוועק עטליכע יאָהר. אָדער אַ טרוקעניש, ווען עס וואַקסט גאָרנישט, אָדער מייז, ווען עס דאַכט זיך שוין יאָ אויס, אַז עס וועט יאָ זיין אַ גערעטעניש, דער עמק האָט זיך נישט געקענט שטעלען אויף די אייגענע פיס. אַלץ געמוזט אָנקומען צו הלוואות אויף איבערצוקומען די שווערע יאָהרען. בעזונדער האָט עס אַריינגעבראַכט אַ שלעכטע שטימונג. ווען מ'זעהט אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר נעהט אַוועק: מ'אַקערט און מ'זייהט, מ'שוויצט גענוג ביי דער אַרבייט — לסוף איז דאס שפּיעל פאַר'ן טייוועל, ווירקט עס גאַנץ נאַטירליך אויף דער שטימונג און עס פאַלט אַראָב דער מוט. עס קומט אַ ניי יאָהר, איז גאָר קיין חשק נישטאָ צו פונאַנדערנעמען די הענט און ווייטער אויספיהרען אַלע נויטיגע שווערע אַרבייטען.

נישט אייביג אָבער הערשט די נאַכט-פינסטערניש. עס האָט דאָך אַריינגעשיינט די זון אין די פענסטער פון די עמק-יזרעאל הייזער. דאס יאָהר תרצ"ב איז פאַר אַ גרויסען טייל פון עמק-יזרעאל אַ גערעטעניש-יאָהר. אין די ערשטע חדשים פון יאָהר האָט זיך אויך דאַסמאָל אויסגעדוכט, אַז עס איז שוין אַנ'ענדע. די אַקערבוי אין עמק וועט שוין קיין תחית-המתים נישט אויפשטעהן. רעגענס זענען געווען ווייניג. די תבואה איז געווען נידעריג און דער פחד איז געווען גרויס. נאָהענט צו שניט-צייט האָט זיך אָבער די לאַגע גרינדליך געביטען. אַ געוויסע צייט זענען אַלץ געווען קיהלע וועטערן און דער תבואה-פערסערישער מדבר-ווינט („כאַמסין") האָט היי-יאָהר נישט געבושעוועט מיט אַזאַ קראַפט ווי פריהערדיגע יאָהרען. די אונטערשטע שורה: אַ גערעטעניש. נישט אומזיסט דער זעלבער מצב. אין נהלל'ער געגענד איז די לאַגע אויסערגעוועהנליך גוט, ווייל זי איז נעהנטער צום ים און צו זיינע ווינטען. אין מרחביה'ער געגענד אויך נישט שלעכט, הגם צו נהלל קומט עס נישט. ערגער — אין מזרח-טייל פון עמק, אין געגענד פון עין-חרוד, אָבער אויך דאָרט האָט מען זיך געריכט אויף פיעל ערגער. עס איז דאָך נאָך געבליבען אַ געגענד, וועלכע האָט אין גאַנצען געליטען אויך היי-יאָהר. דאס איז די געגענד פון עמק הירדן, אין דער סביבה פון טבריה. אין יענע ישובים: דגניה, כנרת א. ז. וו. האָט מען פשוט פּראַקערט די קליין-געוואַקסענע תבואה, איין כלל: וואָס ווייטער פון מיטעללענדישען ים און וואָס נעהנטער צום עבר הירדן איז אַלץ ערגער. אין ס'רוב יודישע ישובים פון עמק-יזרעאל איז די גערעטעניש אַנ'אויסנאַהמיגע. אין געגענד פון נהלל האָט די גערעטעניש פערצייכענט רעקאָרדען. ס'האָט זיך דאריבער אינגאַנצען געביטען די שטימונג ביי די לאַנד-אַרבייטער. מען אַרבייט זעהר אינטענסיוו כדי אַראָבצונעהמען די תבואה פון די פעלדער און נישט געבען די מעגליכקייט די מייז צו קומען מיט אַ „בעזוך".

אַ נייעס איז אויך איינגעפיהרט געוואָרען אין די מעטאָדען פון ז'ער אַרבייט: אין פיעל פונקטען (בעזונדערס אין די קבוצות) האָבען שוין היי-יאָהר געאַרבייט „קאָמביינען" — מאַשינען, וואָס שניידען און דרעשען גלייכצייטיג. די ראַציאָנאַליזירונג פון דער אַרבייט דרינגט אַריין אויך אין דער ארץ-ישראל'דיגער לאַנדווירטשאַפט. מ'קען זיך פון דעם נישט בעפרייען. מעגען סענטימענטאַלע חברים און חברות בעוויינען דעם „גורן" אונטער'ן פרייען הימעל. עס איז אפשר אָבגעמעקט געוואָרען אַ שטיק פּאָעזיע פון דער ארץ-ישראל'דיגער לבנה-נאַכט, אָבער די טעכניק געוואַלטיגט אומעטום. דער „קאָמביין" לאָזט נישט קיין תבואה אויפ'ן פעלד, נאָר גלייך נאָכ'ן שניידען קען מען די קערנער פיהרען אין שפּייכלער אַריין.

דער אַלגעמייגער איינדרוק איז, אַז אין אַ סך עמק ישובים ווערט פערווירקליכט דאס אַלטע שפּריכוואָרט: די וואָס זייהען מיט טרעהרען שניידען מיט פרייד.

ב. ווינבערג.

דאָס יודישע שול-וועזען אַמאָל און היינט.

ג.

ווי געזאָגט געפונען מיר אונצאָהליגע שבחים אין דער רבנישער ליטעראַטור פון 17-טען יאָהרהונדערט, אויפ'ן אַדרעס פון ספּרדישען שול-וועזען. די מחברים אין דער גרעסטער טייל פוילישע יודען, גרויסע אויטאָריטעטען אין דער פּוסקים-משפּחה, לענקען ביי יעדער געלעגענהייט די אויפמערקזאַמקייט אויף דער מוסטערהאַפטער אָרדנונג, וועלכע הערשט אין די ספרדישע ישיבות און שולען, אויף דעם סיסטעמאַטישען פּראָגראַם פון יודישע און וועלטליכע למודים, וועלכער איז אין זיי איינגעפיהרט.

איצט איז כדאי צו ווידמען פּלאַץ די שילדערונגען און כאַראַקטעריסטיקעס פון יודישען חדר אין פּוילען, זיינע מלמדים, לעהר-פּראָגראַם און אַנדערע מערקווירדיגע אייגענצלהייטען אין זעלבען יאָהר-הונדערט, ווי עס געבען אונז דאס איבער נישט קיין רבנים, נור וועלטליכע העבראַישע דענקער און דיכטער פון פּוילען און דייטשלאַנד אין זייערע ווערק.

שלמה מיימון, וועלכער האָט געלעבט אַנ'ערך מיט 150 יאָהר צוריק, שילדערט, צווישען אַנדערען, אין זיין בעריהמטער אויטאָביאָגראַפיע די חדרים אין פּוילען אויפ'ן פאָלגענדען אופן:

„דער חדר — דאָס איז אַנ'ענגער צימער, פול מיט רויך, אין וועלכען אַ טייל קינדער זיצען אויף בענק און אַ טייל אויסגעשפּרייט אויף דער ערד. דער מלמד, אָנגעטהון אין אַ שמוציג העמד, זיצט אויפ'ן טיש, האַלטענדיג אין דער האַנד אַ קאַנטשיק. מיט'ן דאָזיגען קאַנטשיק צערייבט ער דעם טאַבאַק אויף א פאַן, וועלכע ליגט צווישען זיינע פיס; און גלייכצייטיג דיענט ער אלס שרעקענס-געשפּענסט פאַר די תלמודים. זיי בעהעלפער זיינע העלפען איהם צו, חזר'ן איין מיט די תלמודים דעם שעור, יעדער אין זיין ווינקעל; אויך זיי בעגעהן זיך גרויזאַם מיט די קינדער, יעדער אויף זיין שטייגער, פּונקט ווי דער מלמד.

פון די מאַלצייטען, וועלכע ווערען געבראַכט מיטאָג-און אָווענד-צייט פאַר די קינדער, נעהמען זיך די דאָזיגע אַדוגים דעם גרעסטען חלק; און טייל-מאָל טרעפט, אַז זיי לאָזען גאָרנישט איבער פאַר זייערע תלמידים.

די אומגליקליכע קינדער וואַגען נישט צו בעקלאָגען זיך אויף דעם דאָזיגען רויב-טהאַט, מורא-האָבענדיג, אַז זיי וועלען דערמיט נאָך מעהר דערוועקען דעם גרימצאָרן פון זייערע טיראַנישע פּייניגער.

אין די דאָזיגע חדרים זיצען די קינדער פערשפּאַרט פון אינדערפריה ביז'ן אָווענד, און אַ חוץ שבתים, יום-טובים און ראש חודש געניסען זיי אַפילו נישט קיין רגע פון דער פרייהייט.

און אַט דאָס איז דער למודים פּראָגראַם. קודם-כל לערנט דאָס קינד „עברי"; דעם אמת זאָגענדיג פּערפּאָלקאָמט זיך דאָס קינד אינ'ם דאָזיגען למוד ווי געהעריג, דאָגעגען אָבער דער סדר-הלמוד פון דער העבראַישער שפּראַך איז זעהר אַ זאַנדערבאַרער און משונה'דיגער: דקדוק לערנט מען לגמרי נישט אין די חדרים; דאָס קינד מוז זיך אויסלערנען די גראַמאַטישע פאָרמען פון דער שפּראַך דורכ'ן לעזען דעם תנ"ך און דורך דער אומגעלומפּערטער איבערזעצונג, וואָס עס זעצט איבער דעם פּסוק אין זיין טאָג-טעגליכער שפּראַך.

דאָס קינד הויבט אָן באַלד צו לערנען חומש, אַ פּרשה וואָך-וועכענטליך (על-פּי-רוב נור עטליכע פּסוקים פון דער פּרשה פון דער וואָך); און דער מלמד ערקלערט די פּסוקים, לויט זיין שטייגער, אויף פערשידענע אומוועגען, אין פולשטענדיגען געגענזאַץ צו די כללים פונ'ם דקדוק. מיט איין וואָרט: דער שילער ווייסט נישט דעם אינהאַלט פון דער תורה און קען נישט די העבראַישע שפּראַך".

אַזוי שילדערט דעם חדר אין פּוילען איינער פון די גרעסטע און שאַרפסטע יודישע דענקער פון 18-טען יאָהר-הונדערט. ווילענדיג-נישט-ווילענדיג דערמאָנען מיר זיך אין היינטיגען חדר אין פּוילען. צו זענען נישט די כאַראַקטעריסטישע פּרטים פון שלמה מיימונ'ס שילדערונגען פון אַמאָליגען חדר איינע און די זעלבע פון היינטיגען חדר, וועלכען מיר זעהען אין פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך אין פּוילען. דער זעלבער טיפּ מלמדים, דער זעלבער פּראָגראַם פון למודים, דער זעלבער סיסטעם פון לערנען — כמעט גלייך, ווי צוויי טראָפּען וואַסער.

ר' נפתלי הערץ וויזעל איינער פון די גרעסטע העבראַישע דיכטער אין 18-טען יאָהר-הונדערט האָט אויך זעהר פיעל עוסק געווען אין דער אַנגעוועהנטער יודישער חינוך-פּראָגע. ער האָט געלעבט און געווירקט אין דער זעלבער צייט, ווען שלמה מיימון האָט געשריבען זיין אויטאָביאָגראַפיע. אין דייטשלאַנד איז אין יענער צייט געווען דער זעלבער טיפּ חדרים, וואָס אין פּוילען, אַהן מינדעסטען אונטערשיעד.

צו יענער צייט האָט דער קייזער יאָזעף דער צווייטער אַרויסגעגעבען זיין בעקאַנטען „טאָלעראַנץ-עדיקט", אין וועלכען ער האָט עמפּפאָהלען איינצופיהרען רעפאָרמען אין יודישען לעבען. נפתלי הערץ וויזלין האָט דער דאָזיגער „טאָלעראַנץ-עדיקט" שטאַרק בעגייסטערט; ער האָט אין איהם געזעהען אַ גרויסע ישועה פאַר די יודען פון זיין צייט. ער האָט דאַן געשריבען פיער בריעף, אונטער'ן נאָמען „דברי שלום ואמת" (בערלין תקמ"ב — תקמו), אין וועלכע ער ווענדט זיך צום יודישען פאָלק מיט אַ הייסען אַפּעל, אַז מען זאָל פערוועלטליכען דאָס יודישע שול-וועזען, וואָרים די וויסענשאַפט שטעהט נישט אין קיין סתירה צו דער יודישער אמונה.

די דאָזיגע בריעף האָבען אַרויסגערופען אַ גרויסען שטורמישען פּראָטעסט פון ז'אַמאָלדיגע רבנים געגען וויזלען. עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ שטאַרקע פּאָלעמיק צווישען ביידע צדדים: אַ טייל רבנים זענען געשטאַנען אויף דער זייט פון וויזלין; דער גרעסטער טייל איז אָבער שאַרף אַרויסגעטרעטען געגען איהם.

ווי אַזוי נ. ה. וויזעל האָט אויפגעפאַסט דאס יודישע שול-וועזען, ווי ער האָט געשטרעבט איהם צו רעפאָרמירען זיין לעהר-פּראָגראַם אין דער יודישער שול די טענות פון די רבנים געגען איהם — אין קומענדען אַרטיקעל.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אין די „דריי וואָכען".

דאָס לעבען פון אַ גאַנץ יאָהר איז געגליכען צו די יודישע „דריי וואָכען", וועלכע זענען איינגעהילט אין טרויער און אין עפּעס אונבעשטימטעס. אַ אונזעהבאַרע בענקעניש נאָגט אין הארצען און מען קאָן עס נישט אָנרופען ביים נאָמען.

אונזער יודיש לעבען איז אַ „דריי-וואָכען". אָט האָבען מיר געמיינט, אַז נאָך די אַלע רעוואָלוציעס און איבערקערעניש וועט אויך פאַר אונז יודען זיך אָנהויבען אַ נייע עפּאָכע. מען וועט אונז אָנערקענען אַלס נאַציע מיט זעלבסטבעשטימונגס-רעכט. איז לא די, וואָס מיר האָבען דאָס נישט בעקומען, ווענדעט מען נאָך אָן קעגען אונז רעפּרעסיעס און פערפאָלגונגען, און זאָגאָר אין די דייטשע לענדער מיט הויכע קולטורען זענען מיר ביי יעדע געשעהעניש דער שעיר לעזאזל.

עס ווערט שוין באמת דערעסען דאָס לעבען. ווי לאַנג איז דער שיעור, ווען וועלען זיך שוין ענדיגען אונזערע „דריי וואָכען"?

עס האָט זיך נאָך נישט בערוהיגט.

איהר מיינט דאָך רבותי, אַז נאָך די לעצטע וואַהלען פון קהלה-פּרעזידיום האָט זיך שוין אַלס בערוהיגט און מען וואַרט נאָר ביז עס וועט דעצידירט ווערען ביים מלכות, האָט איהר אַ גרויסען טעות.

אויבערפלעכליך מאַכט עס טאַקע אַזוי דעם איינדרוק. פאַקטיש אָבער, ווערט זעהר אינטענסיוו געאַרבייט פון ביידע צדדים.

מען האַלט אָן קאָנפערענצען, מען קאָמבינירט, מען דעלעגירט, מען פערשפּרייט קלאַנגען, מען אינטערוועניערט, מיט איין וואָרט, עס געהט אַ פיבערהאַפטע אַרבייט אויפ'ן גאַנצען פראָנט.

עס איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף אונזערע כלל-טהוער, וועלכע זענען צוליעב דעם נישט געפאָהרען אַזוי ווי יעדעס יאָהר זיך אָברוהען, נאָר אַרבייטען אין שוויצען נעביך. אָה אַרבייטען זיי נעביך שווער. כאָטש צווישען אונז זאָל עס בלייבען, ווער בעהט זיי, אַז זיי זאָלען אַזוי שווער אַרבייטען?...

פערשיעדענע ווערסיעס לאָזט זיך הערען איבער דער שטאָדט, אָבער מיט אַנ'עקשנות'דיג פערביטערקייט שמועסט מען וועגען דעם קלאַנג, וואָס איז כמעט ווי „זיכער", אַז מען וועט בעשטימען אַ קאָמיסאַר אין דער היגער קהלה. און פיעל פרעהען זיך, טענה'דיג, אַז עס וועט גוט זיין אַזוי, כאָטש איך קען בשום אופן נישט פערשטעהן, וואָס וועט דאָס זיין אַזוי וואויל?

יעדענפאַלס, ווי איהר זעהט, האָט זיך נאָך נישט בערוהיגט...

יודישער כח.

פערגאַנגענעם זונטאָג איז אין זשאַרקי פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפליה פון די יודישע טורן-און ספּאָרט-פעראיינען פון טשענסטאָכאָווער און זאַגלעמביער ראַיאָן.

אויף אַ גרויסען פּלאַץ זענען זיך צוזאַמענגעקומען הונדערטער יודישע ספּאָרטסלייט און האָבען מאַנעפעסטירט די יודישע גבורה. זיי האָבען בעוויזען אַז יודען זענען פעהיג נישט נאָר צו מחלוקות און קריגערייען, נאָר אויך, אַז זיי זענען פיזיש ענטוויקעלט, אַז זיי האָבען כח.

עס איז געווען אַ נחת צוצוקוקען, ווי יודישע יונגעלייט, וועלכע זענען נאָר פעהיג געווען זיך צו חקרנען, סיי אין בית-המדרש און סיי אין די פּאַרטייען, וואו דער פּלפּול האָט פערנומען דעם אויבען אָן, האָט זיך דאָ בעוויזען מוסקולען, געזונטע שטאַרקע פויסטען און אויסגעהאַרטעוועטע ברוסטען.

דערביי איז אָבער כאַראַקטעריסטיט פאָלגענדער בעלעהרענדער פאַקט: צווישען די ספּאָרטלער איז אויך געווען דער בענדינער „הכח", וועלכער האָט געצעהלט עטליכע הונדערט מאַן. ילמדנו רבינו, אַז אין בענדין איז פערהאַן אַ איינאיינציגער ספּאָרט-קלוב, וואָס פעראייניגט אַלע בירגערליכע עלעמענטען, אויסער, געוועהנליך די פּראָלעטאַרישע, וואָס ווערט אין דעם פאַל נישט גענומען אין בעטראַכט. דאַגעגען ביי אונז אין שטאָדט זענען פערהאַנען אַ האַלב מנין, אויסער נאָך אַ האַלב מנין פּראָלעטאַרישע.

צו וואָלט ביי אונז נישט געקאָנט זיין דאָס זעלבע. וואָס פאַרע פּאָליטישע חלוקי דעות שיידט זיי פונאַנדער?

דאָס איז אונזער טראַגעדיע. דערפאַר זענען אַלע קלובען קליין און נישטיג. יעדער ראַנגעלט זיך מיט די לעצטע כחות פאַר זייער עגזיסטענץ. אַנדערש וואָלט אָבער געווען, ווען די אַלע צווייגלעך וואָלטען זיך בעהאַפטען אין איין מעכטיגען בוים, אַזוי ווי עס איז דער בענדינער „הכח".

עס איז ווירקליך זיי צו בעוואונדערען, זיי שטעלען מיט זיך פאָר אַ הערליכען כח.

אפשר וועלען אונזערע היימישע ספּאָרטלער זיך דערפון אַראָבנעמען אַ מוסר השכל און ענדליך צוזאַמענגיסען די אַלע היגע בירגערליכע ספּאָרט-פעראיינען אין איין גרויסען שטאַרקען קלוב, וואו עס וועט אויך בעוויזען ווערען דער אמת'ער יודישער כח?

אַ שטורם אין אַ גלעזיל וואַסער.

איך מיין דאָס דעם בעכער, וואָס די „אסכלה" האָט בעקומען פאַר'ן וועטלויף.

איך האָב די גאַנצע צייט נישט געוואָלט נעמען קיין וואָרט וועגען דעם, נישט וועלענדיג פערשאַפען קיין בייז בלוט און אויך דערפאַר, ווייל איך בין נישט בעהאַוועט אין די דאָזיגע ענינים אַרויסצוזאָגען מיין מיינונג.

איצט אָבער, ווען מען שמועסט, אַז דער בעכער קומט נישט די „אסכלה", וויל איך נאָר מאַכען אַ קליינע בעמערקונג.

זאָל דער „אסכלה"-קלוב נישט טראַכטען, אַז איך האָב צו זיי תרעומת, פערקעהרט, די „אסכלה" ווייסט גאַנץ גוט מיין מיינונג וועגען זייער טעטיגקייט און איך האָב צו זייער קלוב די פולסטע סימפּאַטיע. מיר געהט נאָר אין דעם, צו וואָס האָט מען זיך געדאַרפט אַזוי ליידענשאַפטליך קריגען און ווערען בלוט שונאים. יאָ אַ בעכער, נישט אַ בעכער, דער עיקר איז דאָך די אינטענסיווע טעטיגקייט און אַז די „אסכלה" איז טעטיג אויף איהר געביט על צד היתר טוב איז דאָך בלי ספק. טאָ וואָס מאַכט מען אַ וועזען וועגען אַ בעכער און דערמיט נאָך מעהר פערטיפערען דעם תהום צווישען די ספּאָרט-קלובען, וואָס איז שוין אַזוי אויך גענוג פערשאַרפט.

וויל איך טאַקע זאָגען דעם סימפּאַטישען ספּאָרט-קלוב „אסכלה", אַז זיי זאָלען זיך נישט נעמען צום האַרצען די מעשה מיט'ן בעכער, נאָר ווייטער אַרבייטען אויף זייער געביט. ערציהען די יודישע יוגענד אַלס געזונטע מוהטיגע יודישע גבורים מיט נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען, וואָרים דער גאַנצער קאַמף אויסערליך איז נישט מעהר ווי אַ שטורם אין אַ גלעזיל וואַסער.

וואס יעדער סוחר און האנדווערקער דארף וויסען

וועגען אומזאץ-שטייער פאר שפייז און קאלאניאל-סוחרים.

א גאנצע רייה האנדעלס-קאמערן זענען ארויסגעטרעטען מיט א פערלאנג צו דער שטייער-מאכט, אז מען זאל פערקלענערן דעם ריטשאלט פון אומזאץ מיט 30 פראצענט פאר די סוחרים פון שפייז און קאלאניאל, וועלכע האבען ביז איצט געצאהלט צו 2 פראצענט אומזאץ-שטייער, איז דער ריטשאלט א גרויסע פערלייכטערונג, דאגעגען פאר די, וואס האבען ביז איצט געצאהלט 1 פראצ. האט דער „ריטשאלט” נאך מעהר פערגרעסערט די שטייערען. אזוי ווי דער ציל פון ריטשאלט איז צו פערלייכטערען, פערלאנגען די האנדעלס-קאמערען, אז מען זאל פאר די שפייז-סוחרים פערקלענערן מיט 30 פראצ. דעם ריטשאלט.

פערקלענערען די שאצונג פון הכנסה-שטייער.

די לאדזער פינאנץ-קאמער האט שוין מסכים געווען ביי דער נייער שאצונג פון הכנסה-שטייער, וואס וועט זיך אינגיכען אנהויבען, זאל מען שאצען ווינציגער ווי פאראיאהרען. דער דירעקטאר פון דער פינאנץ-קאמער האט בעפוילען צו פערקלענערן מיט 1 פראצ. דעם דורכשניטליכען פערדינסט פון אומזאץ ביי סחורה, כדי די שאצונג זאל אויסקומען קלענער.

די האנדעלס - קאמערען אין אלע שטעדט בעמיהען זיך ביי דער שטייער-מאכט דאס מען זאל פערקלענערן די שאצונג פון הכנסה דערמיט, וואס מען זאל פערקלענערן דעם דורכשניטליכען פערדינסט מיט וועלכען מען מעסט אויס דעם הכנסה-שטייער. אין פויריגען יאהר איז דער דורכשניטליכער פערדינסט געווען בעדייטענד קלענער פון פריהער.

ווייטערדיגע בעמיהונגען וועגען פערלעגענעם אומזאץ-שטייער.

די האנדעלס-קאמערען האבען לעצטענס בעשלאסען צו ווענדען זיך צום פינאנץ-מיניסטעריום מיט א ביטע, אז מען זאל פערלענגערן אויף נאך אייניגע מאנאטען דאס רעכט אויסצוצאהלען דעם פערלעגענעם שטייער אין קליינע ראטעס פאר קלענערע צוגאבצינזען.

די האנדעלס-קאמערען ווייזען אן, אז די הנחה צו געבען באניפיקאציעס פאר אויסצאהלען דעם פערלעגענעם שטייער איז אויסגעפאלען אין די חדשים, ווען דער האנדעל איז ערשעפט און האט נישט קיין געלד. אויב מען וועט דאס פערלענגערן אויף נאך עטליכע חדשים, וועט דאס ברענגען נוצען דער מלוכה-קאסע און די שטייער-צאהלער וועלען אימשטאנד זיין צו בעצאהלען די פערלעגענע שטייערען.

גלייכצייטיג האבען די האנדעלס-קאמערען בעשלאסען צו פערלאנגען, אז מען זאל אויך דעם אומזאץ-שטייער צולעגען אויף קליינע ראטעס, אויסצוצאהלען אין פערלויף פון עטליכע חדשים.

צענניקעס פאר שפייז און קאלאניאל-הענדלער

דאס אינערן-מיניסטעריום האט ווידער דערמאנט דורך זיין אקולניק פון 19 מאי ד. י. נר. 68, וועגען דער פליכט ארויסצושטעלען „צענניקעס” פון ארטיקלען פון ערשטען געברויך, אין די צענניקעס מוזען אנגעגעבען ווערען ערשטענס שפייז-ארטיקלען, ווי לאנדווירטשאפטליכע פראדוקטען, געבעקס, קאשעס, גרינס, מילכווארג, קעז נאר אינלענדישען, אייער, פיש, פרוכטען פרישע און געטריקענטע (אויסער פאמעראנצען), פלייש, ווארשטען, עופות, שמאלץ, פעטס, קאלאניאל - ארטיקלען, הייוועז, האניג, פעפער, שוואמען, עסאיילען און פראשקעס צום געבעקס.

דער פליכט פון די צענניקעס בעשטעהט אין דעם, אז אויף אלע ארטיקלען, וועלכע געפונען זיך אין געשעפט, ווי אויך אין דעם שוי-פענסטער דארפען אנגעגעבען ווערען די פרייזען און אויסער דעם ארויסהענגען א צענניק. די צענניקעס דארפען זיין געדרוקטע אדער געשריבענע מיט טינט אין איין פארמאט אין דער גרויס נישט ווייניגער ווי א האלבען בויגען פאפיר. דער צענניק דארף ענטהאלטען דעם נאמען פון דער פירמע, די דאטע, ווען ער איז צונויפגעשטעלט געווארען. ז׳י אויסרעכנונג פון אלע סחורות לויט די ארטיקלען און די פרייזען.

די צענניקעס מוזען זיך געפונען אין געוועלב אויף אנ׳ארט, אז מען זאל איהם ארויסזעהן און קענען איבערלייענען.

אויב עס איז נישטא קיין פרייזען אויף די סחורות ווי אויך א צענניק איז דער קרעמער פעראנטווארטליך דערפאר און די שטראף איז א גאנץ הויכע.

Te, na podstawie naukowych badań sporządzone preparaty kosmetyczne-to szczyt doskonałości w dziedzinie pielęgnacji cery!

„KREM HERBA”

jest do nabycia już od Zł. 0,90.

כ׳ תמוז אין טשענסטאכאו.

פערגאנגענעם זונטאג, אין צוזאמענהאנג מיט דער 28-טער יאהרצייט פון דר. הערצל זענען פארגעקומען צוויי טרויער - אקאדעמיעס אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (אלעע קאשטשושקי 16) און אין לאקאל פון „ברית טרומפלדור” אלעע וואלנאשטשי 38.

אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

הערצל׳ס בילד איז זעהר שעהן דעקארירט מיט בלוי-ווייס שווארץ אילומינירט מיט פערשידענפארביגע עלעקטרישע לעמפלעך, אויפ׳ן פאדיום שטעהט א סימבאל פון א מצבה און ארום בלומען, א גאנצען טאג איז געשטאנען אנ׳עהרען-וואך פון 2 שומרים פון דער ארג. „הרצליה”.

פונקט 5 א זייגער נאכמיטאג פיהרען אריין די שומרים די פעהנער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פון יוזיישען גימנאזיום און צוויי קארפאראנטען מיט שווערדען פערנעמען די עהרען-ערטער ביים בילד.

די אקאדעמיע עפענט ד״ר מערינג אין העברעאיש, וועלכער זאגט, אז דער טאג כ׳ תמוז מוז זיין א טאג פון דין-וחשבון, כדי צו געהן אין די וועגען פון אונזער פיהרער.

דאס ווארט בעקומט דאן ה׳ פ שפירא, וועלכער זאגט צוו. צנד.: אין טאג פון כ׳ תמוז ווענדען זיך אלע געדאנקען פון דעם בעוואוסטזיניגען טייל פון דעם יודישען פאלק צו איין פונקט, דאס איז ד״ר טעאדאר הערצל.

די יודען אין דער גאנצער וועלט האבען א דאנק דעם ציוניזם געווינען די פולשטענדיגע גלייכבערעכטיגונג און ווערען אומעטום טראקטירט אזוי ווי מענשען.

הערצל, ווי בעוואוסט, האט שטודירט אין פראנקרייך און האט אונטער׳ן איינפלוס פון דער פרייהייטס-בעוועגונג אנגעהויבען שטודירען די געשיכטע פון אלע פעלקער, וועלכע האבען פערלוירען די אונאבהענגיגקייט. דארט האט ער זיך אויך געטראפען מיט׳ן גורל פון יודישען פאלק און דערגעהענדיג דעם „סוד”, אז אויך ער איז א סוד, האט ער זיך טאקי געווארפען אין פרייהייטס - קאמף און באלד געשאפען א מעכטיגע ארגאניזאציע און געשטאנען אין איהר שפיץ.

הערצל האט געקוקט אויף דער יודען-פראגע נישט בלויז אלס יוד, נאר ווי אנ׳אייראפעער, וועלכער מוז פאר יעדען פרייז געווינען די פערלוירענע פרייהייט און דאס איז טאקי געוועזען דער פאזיטיווער כח פון הערצל׳ען.

מען האט הערצלען ביי אלע מאנארכען בעטראכט אלס דער לעגיטימער פארשטעהער פון גאנצען יודישען פאלק, וועלכער איז געווען פריי פון אלע צערעמאניעס, וועלכע א פריוואטע פערזאן מוז דורכמאכען.

הערצל האט ליידער נישט בעוויזען צו ארבייטען מעהר ווי 9 יאהר, כדי צו דערגרייכען א יודישע מלוכה.

ווייטער רעדט ה׳ א. איצקאוויטש, וועלכער שטעלט זיך אב אויף דער פראגע פארוואס אייגענטליך מאכט דאס יודישע פאלק הזכרות נור בלויז הערצל׳ען. צי האט דען דאס יודישע פאלק געהאט ווייניג בעגאבטע אויטאריטעטען און פארט גיט מען קיינעם נישט אב אזוי פיעל כבוד און דעם געהעריגען קולט ווי צו אט דער מערקווירדיגער פערזענליכקייט. עס זענען דאך אויך אויפ׳ן געביעט פון דער פרייהייטס-בעוועגונג געווען טעטיג נאך פאר הערצל׳ען משה העס, וועלכער האט אנגעשריבען דאס ווערק „רוים און ירושלים”.

ד״ר לעאן פינסקער מיט זיין „אויטאעמאנציפאציע”, די דאזיגע פיהרער האבען אבער בלויז געשאפען טעארעטישע בעגריפען וועגען פרייהייט. דאגעגען ה ע ר צ ל האט אבער פראקטיש צושמעטערט די מויערען, צעריסען די קייטען פון געטהא מיט דעם, וואס ער האט צוזאמענגערופען קאנגרעסען און פעראייניגט דאס גאנצע יודישע פאלק פון דער גאנצער וועלט און געשאפען אזא מעכטיגע ציוניסטישע ארגאניזאציע. דאס איז דער סוד פארוואס הערצל איז דער וועמעס זכרון עס וועט שטענדיג בלייבען אין דער טאג-טעגליכער ארבייט.

ווייטער רעדט סטוד. קארטוז אין פויליש. ער זאגט, אז הערצל איז דער וועלכער האט געשאפען די ווירדע פון אונזער פאלק, צו וועלכען מען האט זיך בעציהען מיט שפאט. דאס האט ער אבער פערדינט מיט זיינע רייזעס, מיט שרייבען ארטיקלען, מיט אגיטאציע, ענדליך זיין „יודענשטאט”, וואס האט ארויסגערופען גרויס אויפזעהן אין דער גאנצער וועלט און ער האט פון דעם ציוניזם געמאכט א פראבלעם אלס די קאנסעקווענטסטע לעזונג פון דער יודען-פראגע.

די אקאדעמיע שליסט ד״ר מערינג און לעזט אנ׳ענטשפרעכענדע רעזאלוציע. דאן ווערט געזונגען „התקוה”.

אין דער „ברית-טרומפעלדאר” ארגאניזאציע איז הערצל׳ס בילד דעקארירט אין שווארץ, צוויי ליכט ברענען פון די זייטען, ווייטער בלוי - ווייסע דעקאראציעס און אויך בלומען. ביים בילד איז אוועקגעשטעלט אנ׳עהרען-וואך פון צוויי אחים.

די אקאדעמיע עפענט אח זעלצער

פאקטען און בעמערקונגען.

„גאזאל”.

הורא, מיר האבען געזיגט איבער דער עלעקטראווניע. אזוי לאנג געקעמפט ביז מיר האבען דערגרייכט א פולשטענדיגען נצחון!

שרעקט אייך נישט, די עלעקטראווניע האט זיך נישט דערשראקען פאר׳ן שטרייק און אראבגעלאזט פון פרייז. אלא וואס דען, מיר האבען א נייע ערפינדונג, וואס וועט פערטרעטען די עלעקטרישע בעלייכטונג, ויקרא שמו „גאזאל”.

עגזיסטירט אין לעמבערג א געזעלשאפט „גאזאל”, וואס פערשפרייט איהר פראדוקציע צווישען די איינוואוינער פון פוילען און ווער עס קויפט אזא אפאראטל, (אמאל האט עס געקאסט 600 זל. היינט פערקויפען זיי עס „זא גאטוועטשקא” פאר 250 זל.) און ווער עס קויפט זיך דאס קאן בעלייכטען, קאכען און נאך אזעלכע עטליכע פערגעניגענס.

האט די פערוואלטונג פון די עלעקטראווניע-אבאנענטען זיך פערשטענדיגט מיט דער דאזיגער געזעלשאפט, וועלכע האט אראבגעשיקט איהרע מענשען צו אונז קיין טשענסטאכאו און שוין עטליכע טעג, וואו זיי דעמאנסטרירען זייער ערפינדונג פאר די טשענסטאכאווער איינוואוינער.

צו דאס וועט שוין זיין די ישועה ווייס איך נישט, אבער צו אלע אונזערע צרות, וואס הייסען, וואסער, עלעקטריע, מיעשקאניאווע, און אנדערע צענדליגער צרות – אווע וועט צוקומען נאך א נייע צרה, „גאזאל”.

ווער ווארפט צוואנציגערלעך?

מענשען זוכען פרנסות, און אז אלע געשעפטען ליגען אין דר׳ערד, קאמביניערט מען נייע צווייגען פון פרנסה.

מילא, וועגען די „דריי קארטען”, אדער „פארא ניע פארא”-שפיעל ווייסען מיר שוין. דאס זענען נישט לעגאלע פרנסות. עס איז אבער פערהאנען א שפיעל, וואס איז לעגאל און פונדעסטוועגען ברענגט עס אריין שעהן פרנסה.

אין רוג אלעע-קאשטשושקי, שטעלען אויס יעדען פערנאכט עטליכע שותפים, וועלכע האבען ווי עס ווייזט אויס א קאנצעסיע. א טיש מיט טאוולען שאקאלאד, ווי אויך באמבאניערקעס, און פון א געוויסען מרחק ווארפט דער שפילער א צוואנציגערל, פאלט דאס צוואנציגערל אויף דער שאקאלאז, האט ער געוואונען און טאמער פאלט עס אין דער זייט איז פערשפילט.

פערזאמלען זיך יעדען אוועגד צענדליגער מענשען, וועלכע ווארפען די צוואנציגערלעך און די שותפים קלויבען די מטבעות אזוי ווי ארבעס און לאזען עס אראב אין די טיפע קעשענעס.

אמת, עס זענען דא „קינסטלער”, וואס קענען אזוי ווארפען, אז יעדער ווארף טרעפט אין ציעל, אבער מיט די חברה ווערען די אייגענטימער באלד פאן בראט און קומען מיט זיי אדורך, אז זיי זאלען וואס ווייניגער שפילען. דערפאר אבער פעהלען נישט שפילער וואס טרעפען נישט.

פון אט די צוואנציגערלעך האבען עטליכע משפחות שעהנע פרנסה.

ווי איהר זעהט, קאן מען נאך אין די היינטיגע שווערע צייטען אויך זיך אדורכשלאגען און לעבען. מען דארף נאר האבען מח, שוואונג און דער עיקר קאמבינאציעס –

ווער ווארפט צוואנציגערלעך?

טאמער האסטו ווייניג, טא נאדיר נאך...

א נייע פארארדנונג איז ארויס, אז ליציטאציעס קאנען געמאכט ווערען אויך יום-טוב און זונטאג, ווי אויך אין די אוועגד שעהן.

לעולם, וואס איז די נפקא מינה צו זונטאג אדער יום-טוב וועלען פארקומען ליציטאציעס. ממה נפשך, אויב מען קאן מאכען ליציטאציעס א גאנצע וואך, טא זאל שוין דער איינציגער אבריה-טאג, וואס מען איז ביז איצט זיכער געווען, אז מען קאן רוהיג זיצען אין שטוב און נישט מורא האבען פאר די חברה מיט די טעקעס, אויך ווערען אוועקגענומען.

דער סקארב-לייטונג איז הפנים מיאוס געווארען דאס קריכען טאג-טעגליך נאך די גראשענס און ערשט טרעפען זיי א פערשלאסענע וואוינונג, אזוי וועט זי אבער טרעפען די פאמיליע אין דער היים און מיט איינמאל וועט ווערען א סוף צו די צרות.

טא דארף מען דאס נישט בעטראכטען אלס גזירה צו וועלכער מען דארף זיך בעציהען נעגאטיוו, פערקעהרט, מען דארף עס בעטראכטען פאר א ישועה, א סוף זאל נעמען צו די צרות, וואס פריהער אלץ בעסער.

עס געהט אבער דערין, וואס די בירגער וועלען נישט האבען די זיכערקייט, אז אינמיטען בעסטען, ווען זיי וועלען זיך געמיטליך פערברענגען יום-טוב מיט זייערע בעקאנטע זאלען זיי נישט געשטערט ווערען פון די הערן פון סקארב

טאמער האסטו ביז-איצט נאך געהאט ווייניג, טא נא דיר נאך...

ער האלט נישט פון געבען...

די תומכי-עניים פערוואלטונג האט טענות צום ה׳ ה. פ. אייגענטימער פון א גרויס הויז און פאבריקאנט פון אזא פראדוקציע, וואס ווערט גענוצט אויסשליסליך נאר פון יודען.

דער דאזיגער חסידישער יוד האלט נישט פון געבען א חלה דער תומכי-עניים. קומט מען צו איהם שבת אינדערפריה, זאגט ער אז ער האט זיך נאכנישט געוואשען און ממילא קען ער נישט געבען קיין מעשר. קומט מען צו איהם נאכמיטאג דערצעהלט ער א מעשה, אז ער האט נאך נעכטען אוועקגעגעבען א חלה.

דאס דערצעהל איך אייך דערפאר, ווייל עס זענען דא א סך אזעלכע, וואס צוליעב א חלה׳לע, וואס זיי דארפען אוועקגעבען פאר זייערע הונגעריגע ברידער, טראכטען זיי אויס אלערליי תירוצים, אבי נישט צו געבען.

פערהאנען א סך אזעלכע פאסקודניאקעס, וואס האלטען נישט פון געבען...

א רעטעניש.

איך וויל אייך רבותי פרעגען א רעטעניש.

נאך די לעצטע פערארדנונג וועגען די נייע גאסען און מיט׳ן אויפהענגען די נייע נומערן אויף די הייזער זענען פערשוואונדען די נעמען פון די בעלי-בתים פון די הייזער.

פארוואס איז דאס אזוי? אנו טרעפט.

אט איז דער ענטפער:

אין יענע צייטען, ווען עס איז געווען שנים כתקנים, זענען די הייזער געווען הייזער און די בעלי-בתים זענען געווען די אייגענטימער. היינט אבער ווען עס איז א תהו ובהו, זענען די הייזער נישט קיין הייזער און די בעלי-בתים זענען נישט קיין אייגענטימער, טא צו וואס נאך אויפשרייבען די נעמען פון די הויזווירטען, אז די הייזער זענען נישט זייער...

זייט מוחל בעלי-בתים, אויב איהר בעשטעהט נישט אויף דעם בעשייד, דאן זייט מוחל און קלערט איהר אויף דאס רעטעניש...

סמאל

אין אַ זעהר שעהנעם העברעאיש, וועל־כער גיט אַ קורצע ביאָגראַפיע פון הערצל'ען.

ווייטער רעדט דער פרעזעס פון ברית הצה"ר ה' א. איצקאָוויטש און קאַפּינסקי.

די בית"ר'ים פיהרען אויס איינינע געזאַנג - נומערען אונטער דער רעזשי פון אח עהרליך און מיט'ן געזאַנג פון „התקוה" ווערט די אַקאַדעמיע געענ־דיגט.

איינטאָגיגער אויספלוג פון זש. ט. ק.

ווי מיר האבען שוין מיטגעטיילט מאכט די יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט דעם 7-טען קינפטי־גען חודש אנ'אויספלוג קיין ספּאַלע, טאָמאשאָוו און אינאוולאדז.

דער אויספלוג וועט פאַרקומען אין אַ שטאָדטישען אויטאָבוס און די הו־צאות וועלען זיין מינימאַלע.

דער אויספלוג זאָגט צו צו זיין זעהר אינטערעסאנט, ווייל יענע געגענד איז זעהר הערליך און עס איז טשעקאַווע זיך מיט איהר צו בעקאַנען.

מיט'ן אויספלוג פיהרט אָן דער צאָהן-אַרצט ה' לייזעראָוויטש.

איינשרייבען זיך אנטייל צו נעמען אין אויספלוג קען מען זיך אין גע־וועלב פון ה' רזשאָנשינסקי אלעע 29, אָדער דורכ'ן טעל. 318.

וועגען דעם צווייטען אויספלוג, וואס וועט פאַרקומען דעם 12 שערפּיען וועט בעזונדערס קאָמוניקירט ווערען.

פון מלוכה'שען אינסטיטוט פאר ספּאָרט-אויסצייכנונג.

דער מלוכה'שער אינסטיטוט פאר ספּאָרט-אויסצייכנונג (פ. אָ. ס.) מעל־דעט, אַז אין די טעג פון 27, 28 און 29-טען ד. ח. פון 5 ביז 7 אָווענד וועלען פאַרקומען איבונגען פון שיסען אויף דער „סטזשעלניצע" פון 27-טען פּולק.

די קאנדידאטען דאַרפען זיך פער־זעהן מיט אַמוניציע צום שיסען פון קליין-קאַליבער-געוועהר אויף 25 מע־טער און 14 שטיק לאָדונגען פון קאַ־ליבער 22 פונ'ם טיפּ „שאַרפ" און אויף 50 מעטער פונ'ם טיפּ „לאָנג".

געוועהר איז פערהאן אויפ'ן אָרט אָדער אייגענע.

א מיניסטעריאלע סאַניטאַר-קאָמיסיע אין טשענסטאכאוו.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די יובילע־אום-פייערונגען אויף דער יאַסנא-גורא, וועו עס זענען פאַרגעזעהן גרויסע פייערליכקייטען, אין וועלכע ס'וועלען אנטייל נעמען צעהנדליגער טויזענדער עולי-רגל פון גאַנץ פוילען, איז געוואָ־רען אקטועל די פראגע וועגען סאַני־טאַרען צושטאנד פון אונזער שטאָדט, ווי אויך ארויסצוגעבען געהעריגע סאָ־גיטאַרע פעראָרדנונגען, וועלכע זאָלען זיין צוגעפאַסט אויפצונעמען די צעהנ־דליגער טויזענדער בעזוכער.

ווי מיר דערוויסען זיך, זאל אין שייכות מיט'ן מלוכה-פרעזידענטס קו־מען, היינט אראָבקומען פון ווארשא א מיניסטעריאלע סאַניטאַר - קאָמיסיע קיין טשענסטאכאוו, וועלכע וועט אונ־טערזוכען דעם סאַניטארען צושטאנד פון דער שטאָדט און אַרויסגעבען ענט־שפרעכענדע פעראָרדנונגען.

קעשענע-גנבים אויף „גאסטראָלען" אין דער פרעמד

געכטען איז אין פשערוב פאַרגעקו־מען אין דאָרטיגען קלויסטער דער יעהרליכער „אָדפּוסט". די קעשענע־גנבים, וועלכע „שטודירען" גוט דעם קאלענדאר, ווען און וואו ס'קומט פאָר עפּיס א יום-טוב, וואו ס'קומט א גרע־סערער עולם, זענען דאס מאָל געקומען קיין פשערוב אויף גאסטראָלען צום „אָדפּוסט".

די פּאָליציי אין פשערוב האט ארעס־טירט די בעקאַנטע ווארשאווער גנב'טע יוזעפא ווילטשינסקא, ווי אויך די 60-יעהריגע יוזעפא בעקוס און פּיאָטר קאָוועצקי פון טשענסטאכאוו.

אַלע דריי ווערען בעשולדיגט אין גנבות בעת'ן אָדפּוסט.

Szkoła Rzemieślniczo - Przemysłowa dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska 8

zawiadamia, że przyjmuje zapisy z dniem 15 maja do oddziałów ślusarsko-mech., stolarskiego i elektrotechn.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja w godz. od 9-ej do

דער ראָספּשער רבי אין קליעטניע.

דער ראָספּשער רבי הרה"צ שליט"א פון טאָמאשאָוו ווײלט אויף זומער־וואוינונג אין קליעטניע (קאָמינסק).

אין צענטער פון נייעם מארק

איז איבערצוגעבען אהן אָבטרעט-געלד

אַ האַלב געוועלב,

ווי אויך א שטוב דערנעבען מיט א בעזונדערן איינגאַנג.

עווענטועל נעם איך אָן סחורות אויף קאָמיס נעגען גאַראַנטיע.

אָפּערטען אין רעד. פאר: „סוב. אַ 100".

פון דער 7-קלאַסיגער פריוו. פאַלקס-שול פון ה' ב. ווײנבערג.

ווי מיר ווערען געוואויר נעמט אָן די בעוואוסטע 7-קלאַסיגע פאָלקס-שול פון ה' ב. ווײנבערג איינשרייבונגען אויפ'ן נייעם שול-יאָהר אין משך פון גאַנצען חודש שערפּיען ד. י.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכען, אַז די פאָרבערייטונגס-קורסען, ווערענד דעם חודש, וועלען א גרויסען נוצען ברענגען פאר די הינטערשטעליגע קינ־דער, ערמעגליכענדיג זיי פאַרצובריי־טען זיך אין משך פונ'ם חודש צו די עקזאמענס.

עס אונטערליגט קיין שום צווייפעל נישט, אַז די אויבענדערמאנטע פאָלקס-שול, אונטער דער לייטונג פון היגען בעוואוסטען לאַנג-יעהריגען פעדאַגאָג פעדדיענט דעם פולסטען צוטרוי פון דער גאנצער היגער יודישער בעפעל־קערונג.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון צענטער. קליינהענדלער-פערבאַנד.

זונטאָג 4 נאכמיטאג אין אייגענעם לאָקאל, אַלעע 8, קומט פאָר די אלגע־מיינע פערזאמלונג פון דער היגער אָב־טיילונג פון צענטראלען קליינהענדלער־פעראיין מיט'ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג און ביי דער אָנוועזענהייט פון פרע־זעס פון דער צענטראלע אדוו. זונדע־לעוויטש.

צי וועלען אין טשענסטאכאוו פאַרקומען די „דאָזשינקעס"?

די טשענסטאכאווער קאָרעספּאָנדען־טען פון די אויסער - שטאָדטישע צײ־טונגען האָבען — ווי ס'ווייזען אָן אסך פאַקטען — א צושפּילטע פאַנטאַזיע, וועלכע ערלויבט זיי צו שרייבען פון צייט-צו-צייט אַזעלכע מעשות, וואס האבען מיט דער ווירקליכקייט גאָר־נישט צו טהון.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך דאָס, וואָס טיילמאָל לעזען מיר אין די אוי־סער - שטעדטישע צייטונגען אַזעלכע ידיעות וועגען טשענסטאכאוו, וואָס מיר דאָ אויפ'ן אָרט האבען פון זיי קיין אהנונג נישט.

אלס ביישפּיעל קען דינען פאָלגענדע דעפּעשע, וועלכע מיר געפונען אין „עקספּרעס זאַגלעמביא":

„דער היי - יעהריגער דאָזשינקעס־יום-טוב, וועלכער איז שטענדיג פאַר־געקומען אין ספּאַלאַ אין דער אָנווע־זענהייט פון מלוכה-פרעזידענט, וועט פאַרקומען אין טשענסטאכאוו, צוליעב די פייערונגען אויף דער יאַסנאַ־גורא.

די דאָזשינקעס, אויף וועלכע ס'ווע־לען קומען צו פאָהרען דעלעגאטען פון גאַנץ פוילען, וועלען פאָרקומען דעם 15 אויגוסט ביים אנטייל פון מלוכה־פרעזידענט".

די דאָזיגע ידיעה דאַרף קאָטעגאָריש ווערען אָבגעלייקענט ס'איז טאקי פריהער ענטשטאַנען אַזאַ פראָיעקט, אָבער צוליעב דער זעהר קורצער צייט, וואס טיילט אונז פון מלוכה - פרעזי־דענטס קומען, איז דער גאנצער פּלאַן אָנולירט געוואָרען.

טשענסטאכאוו געהערט צוריק צום ווארשאווער שול - קוראָ־טאָריום.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טערי־טאָריאַלער ענדערונג פון די שול-אָק־רענגען, וועט טשענסטאכאוו פון נייעם אָנהויב שול-יאָהר ווידער געהערען צו דעם ווארשאווער שול - קוראַטאָריום, אַזוי ווי דאָס איז געווען ביז מיט עט־ליכע יאָהר צוריק.

אַ בריעף אין רעדאַקציע.

געעהרטער ה' רעדאַקטאָר!

מיר האָבען דעם כבוד אייך צו בע־טען אָבצוגעבען פּלאַץ אין אייער וו' צײ־טונג פאר פאָלגענדע שורות, פאַרוואָס מיר דאַנקען אייך פאַראויס:

אויף דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון ספּאָרט-קלוב „אסכלה", וועלכע איז פאָרגעקומען דעם 26 ד. ח. איז איינ־שטימיג אָנגענומען געוואָרען פאָלגענ־דער פּראָטעסט:

מיר, אָנוועזענדע, פּראָטעסטירען אמשאַרפסטען געגען דער צייטונג „אונזער טשענסטאָכאָווער עקספּרעס" וועלכער האָט זיך געשטעלט אַלס זייער איינציגע אויפגאַבע צו בעקעמפען די היגע ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאציע און גלייכצייטיג אויך דעם ציוניסטישען ספּאָרט - קלוב „אסכלה". און אַזוי ווי דעם בעכער פון ציקליס־טען וועט - לויף, איינגעאָרדענט דורך דער רעדאַקציע „אונזער וועג" האָט געווינען אונזער ס. ק. „אסכלה" טרעט דער „טש. עקספּרעס" אַרויס געגען אונזער קלוב, אַז מיר האבען דעם בעכער נישט ריכטיג בעקומען און טאָג-טעגליך זייט דער ענטשטעהונג פון דער דאָזיגער צייטונג, געפונט מען אין איהר אַרטיקלען געגען „אסכלה", בעכער, ציוניזם און „אונזער וועג", אַז ס'רופט שוין אויס ארויס אַנ'עקעל ביי יעדען מענש. דער קולמינאַציאָנס־פונקט פון איהר נעגנערשאפט צו אונ־זער ספּאָרט-קלוב האָט דערגרייכט שוין די וואָך, ווי די צייטונג טריומפירט מיט זייער גרויסען נצחון, אַז מיר וועלען דעם בעכער מוזען צוריקגעבען און זי האָט אויך געפונען פאַר נויטיג זיך מיט דעם צוצושפּרייטען אין אַ גרויסען אַרטיקעל און א בעזונדערע ידיעה.

מיט אַכטונג

ספּאָרט-קלוב „אסכלה".

אין פערטיידיגונג פון די גרינבענדעלדיגע.

נאָטיצען.

ווען אונזערע „געבילדעטע" היימי־שע כוליגאַנעס וואָלטען בעת די זו־מער-פעריען נישט אַרויסגעוויזען זיי־ערע „גבורות" איבער רוהיגע שוצלאָ־זע יודישע קעפּ—וואָלטען זיי נישט גע־האָט מיט וואס אויסצופולען די אָווענ־דען און וואָלטען אויך נישט געהאָט קיין טעמע איבער וואָס צו רעדען מיט זייערע פריילינס, וועגען זייער „העלדישקייט", וואס זיי ווייזען ארויס אין דער יעצטיגער צוויילדעוועטער תקופה פון פּוסטען און קאָנקרעטען טהאַט.

זיי טאָרען דאָך נישט בלייבען הינ־טערשטעליג, זיי קענען דאָך נישט פערשעהמען די הייליגע טשענסטאָכאָוו אום נישט צו זיין „אקטיוו" און סתם אַזוי לאָזען די יודען פריי שפּאַצירען אין די פּאַרקען און אריינכאַפּען אין זיך אַביסעל פרישע לופט. מוז מען טאַקי זעהן עפּיס צו טהון, אַז די יו־דען זאָלען נישט פּריוויגלירען די פּאַר־קען און ס'זאָל זיך זיי מעהר נישט פערגלוסטען אהינצוקומען.

זיי שעמען זיך נישט, זיי פערליי־קענען עס נישט. אדרבא, זיי שטאָלצי־רען מיט אַזאלכע טהאַטען, דאס איז דער עיקר העיקרים פון זייער פּראָ־גראַם, דאס איז זייער רעליגיע, זייער אני-מאמין. אהן ראַסען-האַס און זאָלאָ־גישען אַנטיסעמיטיזם קען גאָרנישט געמאָלט זיין די עקזיסטענץ פון די גרינבענדעלדיגע, וועלכע „קעמפען" אַזוי פערביסען פאַר דער ריינער נאַ־ציאָנאַל-פּוילישער קולטור.

מיר ווייסען עס גאַנץ גוט, זיי ווײ־סען עס אויך און ווער ווייסט עס נישט?

אָבער נישט דאס זענען מיר אוי־סען.

אין טשענסטאָכאָוו ערשיינט א פּוי־לישע צייטונג „אָסטאַטניע ווידאָמאָש־טשי", וועלכע ווערט געלעזען אין איהר גרעסטער מעהרהייט דורך יודען, וועמענס פּאָליטישער און געזעלשאַפט־ליכער פּרצוף לאָזט זיך נישט גענוי דעפינירען. האָט דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג פערעפענטליכט די לעצ־טע טעג א גרעסערע נאָטיץ, אין צו־זאַמענהאַנג מיט די לעצטע אָנפאַלען פון די גרינבענדעלדיגע אויף יודען אין די שטאָדטישע פּאַרקען, אין וועל־כער ער וויל מיט כח איינרעדען דעם עולם, אַז ס'קען גאַרנישט מעגליך זיין, דאס אַ פּוילישער אקאדעמיקער זאָל אָנפאַלען אויף יודען, אַז אַקאַדעמיקער זאָלען בעפלעקען דעם „האָנאָר" פון אַמאַראַנטען-היטעל א. אַז. וו.

דער רעדאַקטאָר פערגלאָצט די אוי־גען צום הימעל און שטעלט א קלאָץ־קשיא: „צי איז מעגליך, אַז אַ שטע־קען זאָל זיין דער סימבאָל פון קולטור און ציוויליזאַציע?" דער זשורנאַליסט ציהט ווייטער דעם פאָדעם און זאָגט, אַז נישט אנדערש, נאָר געוועהנליכע גאַסען-יונגען און כוליגאַנעס טהון זיך אָן אַקאַדעמישע היטלען, שלאָגען יו־דען און דערמיט שאָדען זיי דעם גו־טען נאמען פונ'ם פּוילישען אקאדעמי־קער, וועלכער איז גאָט די נשמה שול־דיג.

לעזענדיג די דאָזיגע נאָטיץ מוז מען פשוט שטוינען איבער איהר אינהאַלט. צי איז באמת דער רעדאַקטאָר פון „אָסטאַטניע ווידאָמאָשטשי" אַזוי נאַ־איוו, אום נישט צו זעהען די האַרטע ווירקליכקייט פונ'ם טאָג-טעגליכען לע־בען, פון די טאָג-טעגליכע געשעהעני־שען, וועלכע שפּילען זיך אָב פאר אונזערע אויגען? צי איז ער ערשט נעכטען אַראָבגעפאַלען פונ'ם הימעל און ווייסט נישט וואס ארום איהם טהוט זיך?

נישט מיר בעשולדיגען אַלע פּוילי־שע אקאדעמיקער אין כוליגאַניזם און ראַסען-האַס, אָבער מיר קענען נישט פערמאָכען די אויגען פאר דער ווירק־ליכקייט, נישט צו זעהן וואס די גרינ־בענדעלדיגע טהוען אָב פאר א מעשים תעתועים. איבריגענס האַלט איך, אַז די גאנצע פּאָלעמיק איז איבעריג, אינ־דעראייט, ווען זיי אליין פערלייקענען עס נישט, ווען זיי אליין זאָגען עס טאָג-טעגליך הויך און אָפען, אַז מיט'ן שלאָגען און אויסראָטען די יודען, וועלען זיי בעפרייען פוילען פונ'ם יודי־שען יאָך, פונ'ם יודישען איינפלוס.

ס'איז דעריבער נישט צו פערשטעהן פארוואס ווען קיינער פערטיידיגט זיי נישט, ווען זיי ווילען עס גאַרנישט, קומט צו געהן דער רעדאַקטאָר פון „אָסטאַטניע ווידאָמאָשטשי" און שטעלט זיך אין דער פּאָזיציע פון פערטיידי־גונג פון די גרינבענדעלדיגע פאר זיי־ערע „איידעלע" מעשים איבער רוהיגע שוצלאָזע יודען.

ס'בלייבט דערפון עפּיס א בייגע־שמאַק, נישט אמת?

מרדכי קויפמאַן

אויף אונזער בעגריסונג געענטפערט, אַז דאָ איז נישט קיין אָרט אויף אַ שפּאַציר. אַזוי ווי מיר האָבען מאָמענ־טאַל נישט פערלאָזט די פערמע און ווייטער געגאַנגען, איז אונז אַקעגענ־געשיקט געוואָרען דער שומר מיט א בייזען הונט, וועלכען מען האָט אויף אונז געריצט און ער האָט זיך געריסען צו אונז. אויסער מיר האָט אויך דעם זעלבען קבלת פנים געהאָט אַ גע־וויסער ה' לאַנדאו.

אַלזאָ פרעגט זיך: צי וועמען געהער די גערטנער-פערמע? אויב פאַקטיש צו פארשוינען, וועלכע זענען פערבינדען מיט פערפליכטונגען אַקעגען דער גמי־נע און האַלטען נישט?

אויב זיי צאָהלען אָרענדע צי פיה־רען זיי אויס די פערפליכטונגען לגבי די חלוצים?

צי געהערט זיי די גאנצע איינשטאָ־קיגע געביידע? און די עטליכע פער־ציג חלוצים מוזען פערנעמען נישט מעהר ווי איין צימער?

פון וועמען האָבען זיי גענומען דאס רעכט אַרויסצושטויסען די חלוצים און אויף זייער אָרט צונעמען קריסטען?

אויב איהר וועט אין אַ פּריוואַטען פאָרם בעזוכען די פערמע וועט איהר אויך האָבען אַזאַ קבלת-פנים?

מיט 20 יאָהר צוריק איז דער גאָר־טען אויך. נעוועזען אַזוי פערוואָרלאָזט?

צי וועלען זיך ביי אונז אין שטאָדט נישט געפונען אַזעלכע מענשען, וועל־כע זאָלען זיין אימשטאַנד צו פערוואַל־טען מיט דער פערמע, נאָר מען מוז אָהערברענגען פון דער פרעמד?

אַלזאָ פרעגט זיך דער גמינע, צי געפונט מען אין אונזער שטאָדט קיין קוואַליפיצירטען גערטנער?

געפונען זיך דען נישט ביי אונז פון די ערשטע שילער, וועלכע האָבען גע־האָט לאַנגיעהריגע פּראַקטיק און וואָל־טען זיך אונטערגענומען אָהערצושטע־לען די פערמע אויף דער געהעריגער הויך, צו וואָס זי איז בערופען געוואָ־רען?

איך וואַרט אויף ענטפער.

דודס.

„Grand-Kino"

קאָשטשושקי גאַס.

לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

קרוזעסלאַ 1 זלאָטי.

היינט פּרעמיערע

ביסטער קייטאָן

אַלס העלד פון ליעבע און צופעליגער זעלנער

„BUSTER NA FRONCIE"

אויף דער סצענע: די לעצטע 3 טעג די בעריהמטע ארטיסטען

יעזשי באָרונסקי, באַלצעראַקובנאַ, 5 גירלס.

Teatr „ODEON"

אַלעע 27.

לעצטער סעאנס 10 אָווענד.

אריפ'ן 1 סעאנס קרוזעסלאַ 80 גר

„אין גדיניע—דער יום-טוב פון ים".

אויף אונזער עקראַן פאר די אַלע וואס פאהרען נישט קיין גדיניע גיבען מיר די הערליבסטע ים-עפּאָפּעע

WIATR od MORZA

מאָנומענטאַלע דראַמא לויט זשעראָמסקי'ס ערצעהלונג

אין די הויפּט-ראָלען: מאַליצקאַ, בראָדזיש, דימשא, סטעמפּאָווסקי, באָדאָ. פאר יוגענד ערלויבט.

שבת און זונטאָג 12 א זייגער, מיטאָג-סעאַנסען. דאָפּעלטער פּראָגראַם: 1) די מעקסיקאַנערין" 2) „די גאָלדענע יוגענד". איינגאַנג נאָר 49 גראָשען.

Redaktor: Izrael Płockier Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier Druk. B. Bocian, Aleja 6